STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06397

HEMSHEKH

Yoine Berkman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונה ברקמן
רמת-אביב
16.6.76

יונה בערקמאן

*

המשך



יונה בערקמאן



המשך

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

תשל"א — 1971

YOINE BERKMAN

HEMSHECH

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

יונה בערקמאַן / המשך

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח' אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל"א
Printed in Israel 1971

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע"מ, תל־אביב

פֿאַרבלײבן

ווער ווייס...

ווער ווייס דעם צער פון דעם, וואָס איז מתפלל,
נאָר איז פון זוכן גאָט ביים קאַלטן סנה שוין מיד,
און ס'נאָדלט אים אַדורך אַ פחד פון פאַרפאַלן,
ווען ער, ווי אַ פאַרהונגערטער אין חלום נאָך אַ פּענעץ ברויט,
גייט אויס נאָך שפור פון משהס טריט —
און משה איז שוין טויט...

קדושה

אויף פוכענע פליגלען אַ ווינטעלע קיל
געבראַכט האָט פון ווײַטן אַן אָטעם פון פרייד,
פון אַ בין־השמשות אין פורפור־געהיל
עס האָט אים אַ שימער אַהערצו באַגלייט,
פון הימנען צעזונגען־צעשפּילטע אַ טריל
צום ראַנד פון אַ פליגל באַהעפט, זיך פאַרגייט.

און ס'האָט דער אָרום זיך פאַרטײַעט, פאַרשטאַרט,
די אויגן צעפּראַלט און דאָס אויער פאַרשפּיצט.
אין באַרג צו דעם צווייטן ט'פאַרבויגן זיין קאַרק,
און ביידע — דעם דעמב אין זײַן גליוועער געשטיצט.
אַ וועלט אַ דערשטווינטע אין ציטער ט'געוואַרט,
אַן איבערפולט האַרץ האָט דערשלונגען אַ זיפץ.

און ס'האָט זיך צו בלויע קופּאָלן דאָס ליד
פון אַחרית־הימים, ישעיה דעם יידס,
אין שטילשווײַג געטרעפלט פון יעדן באַשאף;
און ווײַטן פאַרבענקטע געהאָרכט האָבן טריט
פון גואל, וואָס שפּאַנט מיט באַפליגלטער האַפּט.
אין אָנונג פון קדושה אַ וואָלף האָט געגאַפּט.

מודה אני

אַלע טאָג שטיי איך אויף און איך זאָג מודה אני,
באַגינען, צום אייגענעם הימל מיט זון אין שוואַרצאַפּל.
ס׳חלומט אין שאָטן פון בוים מיין פאַרטויעטער גאַניק
און האָרכט ——— אין די תכלת־קופּאָלן אַ שלווה זיך זאַמלט.

ער איז ניט אַלט נאָך מיַין גאַניק אין לאַנד פון די שבטים,
כאָטש איך טרעט שוין באַלד אויפן שוועל פונעם ווינטער,
ער האָט אינעם וואָגל פאַרהיט מיינע טירן באַדראָטע,
און האָט מיַין חלשות מיט טראָפּנס פון דויער געמינטערט.

איך זעץ זיך אַראָפּ. מיר פאַרפירן אַ שמועס אין שוויַיגן,
מיר קערן באַהאַוונט די בלעטער פון אַלע ניט־טאָרנס,
וואָס האָבן געדאָרנט אין אונדזערע דאגות,
און ס׳ציַיטיקט אַ הימען זיך אויס צו דעם היַינט במישרים.

אַ הימען צום אייגענעם באָדן, צי זאַמדיק, צי שטייניק,
צו קינדער וואָס טרינקען פון קוואַל ווו געערוט האָבן דורות,
צום יידישן ברויט וואָס רייפט אויס אין גליל און אין עמק,
צום שלום וואָס איז פון ישראל דער שם המפורש.

צו פיל

צו פיל האָט אויף דײַן קאַרק דער גורל אָנגעהויפֿערט,
צו אָפֿט מיט יונגן בלוט געלאָשן שרפֿות,
דערפֿאַר — — דײַן ליִבּ אַזוי פֿאַרשפּיצט צו גרענעצן אין לויער,
און וואַכקײַט פֿון ראַדאַר — אין דײַנע שלייפֿן.

צו טויב די וועלט איז דײַנע טענות צו דערהערן,
דײַן שלום-תּפֿילה אין דער שכנות פֿון קאַראַן,
אַז זינט געעפֿנט האָסט אַ טירל אין גדרה —
אין ברויט און וואַסער שפּיגלט זיך דאָס לאַנד.

אויך הײַנט, ווען קינד און קייט אין וווּנדער פֿון דײַן גבֿורה,
מײַדט אויס בראַוווּר און שיכּרות דײַן ניצחון;
ווײַל ניט קיין שנאה האָט באַפֿליגלט דיך אין שטורעם,
נאָר ליבשאַפֿט צו ישׂראל סבֿאס דרכים.

גייט נאָך דער שאָטן דיר פֿון רייען אויסגעשיטערט,
דער זוד פֿון בלוט, וואָס שרײַט אַרויס פֿון דר׳ערד,
פֿון די, וואָס טרויער רײַסט זיי קריעה אין די גלידער,
ווײַל זיי דערלעבן איז געווען באַשערט.

אַזאַ דער שטערן אונטער וועלכן ביסט געבוירן,
און שווערד מיט זאַנג — לאַנגאַניקע ירושה;
אויך דײַן צוואה פֿאַר די ווײַטערדיקע דורות
איז פֿײַן מיט ווײַן צו פֿאָרן בחבֿרותא.

נאָר דײַן קאַפּיטל אינעם האַרץ פֿון זײַן זכרון
דײַן פֿאָלק פֿאַרשריבן האָט מיט קדושה-לידער;
ביסטו דער נס פֿון אייביק-ברענענדיקן דאָרן,
אַ תּפֿילה וועסטו בלײַבן אין זײַן סידור.

כה לחי!

אמת, מײַן קינד, דיר באַשערט איז
כסדר דײַן אויער פאַרשלײַפן אָן פּחדים און שׂנאה,
וואָס קײַכן בײַם ראַנד פון דײַן תקומה,
פון אַלע שפּאַרונעס,
אויף דײַנע מיט תהילים געדעקטע געצעלטן
און שמייכל אברהם אבינוס.

אמת, מײַן קינד, איז, אַז זיבן פאַרגאַװערטע חיות,
געשפּאַנט אין געלויער,
אויף בלוט דײַנעם שיפּען;
און ס'טרעפט, אַז דײַן חלום שנײַדט דורך זייער וואָיען,
און ספקות אַ סטאַיע
פאַרקלײַבן בײַ נאַכט זיך אַהינטער די ריפּן.

נאָר באַלד שוועבט דעם אומרו דיר אויס פון די גלידער
דער זכר פון דורות אין וואָגל,
אין בדידות,
געשווענטשעטע שײַטערס, בלבולים-געהאָגל,
ווײַל ווייסט אַקוראַט —
אַז פאַרפּלאָנצט דיך צוריק אין דער אויסגעבענקט-צײַט'ריקער וואָר
פון אייגענע הימלען און אייגענע לאַנקעס אין טויען
עם האָט דער אַלט-נײַער בטחון —
אַז נעמען אַ סוף וועט צו דײַן נע-ונד
און אייגענע ווענט וועסטו שטעלן זיך בויען.

און הײַנט,
ווען די שווערד מיט דער תורה בײַ קינדער געפּאָרט — —
כה לחי! — —
איז יעדער אַ יוסף הצדיק פון אונדז, מיט נסיון,
און פּותר דעם בייזן איז חלום,
ווי אַ גוטע התחלה
פון זיבן מאָל זיבעציק יובלם געזעטיקטע יאָר.

צו מיין וואַרעמען פליגל

קום, קינד מײַן, אַהער צו מײַן וואַרעמען פליגל.
אין דרויסן אַ שטורעם.
עס קרישלען זיך ווענט,
פון בלײַענע הימלען זיך רײַסן אוים בליצן
און שרעקן די גאַס מיט געשפּענסטט,
פוןביימער עס טאַרטשען שוין נאַקעטע גלידער,
און בלעטער נאָך גרינע,
מיט פייגל און נעסטן צוזאַמען,
פאַרטראָגן דער ווינט האָט צום שוועל פון מײַן הויז —
פאַרשאָטן זײַן אײנציקע טיר...

עס רוקט זיך אָן נאַכט,
אָן אַ שעה,
אָן אַ שקיעה,
ניטאָ ווער זאָל שענקען אַ שמייכל
בײַם ראַנד פון פאַרליר,
און אוים...

אין האַרצן ביז ווייטאָג נאָר טליִעט אַ בענקשאַפט נאָך זוניקן באָדן,
נאָך גינסטיקן קול וואָס זאָל פרעגן — —
ווו ביסטו, בן-אָדם?...

קום, קינד,
כ'האָב נאָך כוח צו זינגען נחמו, נחמו!
דו כאַפּ אים נאָר אונטער דעם ניגון,

פאַרליר ניט קיין טראָפּ!
עס פלאַמט פאַר מײַן אויג דער געבאָט פון די דורות —
צו אָנהייבן ווידער.
פון בראשית,
אויף ס׳נײַ!
אָט זע די הגדה אין אַלטינקן סידור —
נאָך קוויקן די דראַבנינקע אותיות
דעם חלום פון אַחרית הימים מיט ברויט און געדײַ.
זינג, זינג און שאָקל זיך צו מיט כוונה,
אין אייביקן חלום פאַרוויקל דײַן בליק.
מיט אים וועסטו, טרייסט, ניט פאַרלירן דײַן פּנים,
געדענקען דײַן וויג...

פאַרגאַרטל פעסטער זיך

יאָ, יאָ... עס האַלט זיך די גאולה אויפֿן וואַרטן,
מיסתּמא אויך אויף אָנגעבײַלטע פויסטן — שטערן טוי
אין פינצטערן באַגינען —
און אויפֿן זכר פון פאַרלוירענעם גן־עדן
אינעם האַרצן.
נאָר ניט אויף שלאָגן זיך על־חטא,
אַליין צי מיט אַ מנין,
אויף אויסגעדאַכטע זינד,
פאַרצווייפלט.
אוודאי ניט אויף פיס וואָס פליִען פונעם מבול
מיט אַ סקאָרינקע המוציא
צו זיך אין תיבה...
איז קיין מאָל, קיין מאָל, קינד, זאָלסטו ניט אָפּלאָזן די לייצן!
אַפילו ווען עס דאַרנט עלנט אום דײַן קישן
און ס׳קערן אום זיך נאַקעט דײַנע טרוימען בלויע,
ווי ס׳האָט זיך אָן אַ בלעטל אומגעקערט די טויב;
אַפילו ווען פון הימלען יאָגן חושך־תהומען,
און ווינטן האַליק וואָיען —
עס קומט דער יום־הדין!
אַפילו דאָן —
פאַרגאַרטל פעסטער זיך מיט די רצועות פונעם סיני,
און אין של־ראש די פרשה בדמייך חיי!
דײַן דויער — אינעם זכור,
און ביידע אין דער שכינה,
און אין אַ שעה פון שנאת־חינם און פון אימה —
אין אל נקמות.

עס איז אַ מצווה וואַרפן אָן שום רחמים שטיינער
אין שוואַרצע שויבן,
ווי ס'לויערן נאָך המנס
אויף דײַן מה טובו.

זיין

דער חשק צו זײַן דאַרט ניט אײַן
אַפילו ווען ס׳הילכן אָפּ פּראָסטיק די טריט פונעם ווינטער
אַהינטער פאַרקאָוועטער שויב,
געלאַטעטער טיר, אויף חלומות קיין מאָל ניט דערפילטע.

דער חשק צו זײַן שאַרפט זיך אויס מיטן הײַנט,
מיט חשבון פון שקיעות, וואָס לייגן זיך אויס אויפן שטערן
צעאַקערט
און ס׳פליקן אויס ווײַזערס די שעהען פון ציפערבלאַט-לײַב
מיט האַרבן נסיון, אַליאַרם פון נאָנטן סך-הכל.

דער חשק צו זײַן — ווי פון פײַער אַ זײַל
אין ברוסט און אין מאַרך אײַנגעפורעמט —
ווען שנאה צום ראַנד פון דײַן רו זיך צעפלאַקערט מיט בלײַ
און זין — אונדזער חלום און וואָר — טראָגן לעבנס אַנטקעגן
בגבורה.

אויך איך, מײַן פאַרמעג איז דער דורשטיקער זײַן,
כאָטש כ׳טונק אײַן מײַן פּען אין דעם זכר פון חרובע קהילות,
נאָר גרייט בין איך אַ קרבן-עולה צו זײַן פאַר דײַן אייביקן זײַן,
מײַן לעצטע און זודיקסטע תפילה.

זאָל זיין אַ ביסעלע שטיל

זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל,
לאָזט דערהערן די אײַליקע טריט פון דעם משחית,
דעם בהלה־געלויף,
פון זײַן בייזער כוונה אין פינצטערער שעה
צו פאַרלענדן דעם טרוים וואָס מיט אונדז ער פאַרקנסט איז,
די מי וואָס מיר האָבן, פאַרזיגלט אין גלויבן פון דורות,
אויף זאַמדיקער ערד אָנגעהויפט.

זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל.
לאָזט דעם אויער פאַרשפיצטן פאַרנעמען די פוכיקע טריט
פון שׂרה בת טובים,
וואָס טראָגט אין איר אַלטער פאַטשיילע
אַ ברכה פאַר קינדער יתומים — פון אַש אויפגעקומען —
און בויען געוּנומען דעם מופת,
פון אַחרית־הימים דעם נס פאָרן גאַנצן יאָרהונדערט —
פון שלום, פון לעבן אָן גזלה.

זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל.
לאָזט אויפגיין די קינדערשע קולות,
וואָס שפּאַרן זיך דורך מיט געזאַנג און מיט מוט
פון אונטער געפּאַנצערטן אָנשיט אויף קעלערס און בונקערס,
כדי ס׳זאָלן טאַטעס פון אויבן, מיט ביקס אין די הענט,
קענען אָפּווישן פריידיק אַ טרער פון די אויגן פאַרזאָרגטע
און קילן פון בלוטן דעם גלות
מיט טרייסט פון דעם המשך וואָס דאָ וועט אַרומגיין.

זאָל זייַן אַ ביסעלע שטיל.
לאָזט פאַרדייַען דעם שבת וואָס וואַקסט אין דער שטילקייט,
אין שמועס מיט זיך נאָר אַליין נאָך געשפּענסטיקער נאַכט;
זאָל די שלווה פון נאָר וואָס פאַרגאַנגענע שטערן
אַרייַן ווי אַ זאַלב אין דעם קראַמף פון די פינגער,
זאָל זי פאַלן ווי טוי אויף פאַרשרפעטע ליפּן אין שלאַכט,
דעם קעמפער דעם מידן אויף ראַנד פון זייַן שלאָף
זאָל שעפּטשען אַ שמייכל — כי טוב. — כי טוב.

עס מוז ערגעץ ווי זייַן באַהאַלטן אַ מעסטעלע רו.
לאָמיר אָפּזוכן אים אי פאַר זיך, אי פאַר דורות,
וואָס וועלן אויף זיכער דערציילן, אַז דעם בית שלישי
עס האָבן אַ מאָל, אויף צו להכעים דעם קלויסטער און סערף,
באַוואָרנט מיט דויער די קינדער פון דעם עם קשה עורף —
אַ הייפל — אַנטקעגן מיליאָנען־געבערג —
פאַרשריבן אין סידור, לצמיתות, אַ נייַ על הניסים.

קריאַת־שמע

המפיל... ס׳זאָל צוריק די שווערד אין שייד אַריינגעטאָן זײַן,
מאַזאָליעם זאָלן בלײַען ניט פון טאַנק, נאָר פון דער סאָכע,
געדײַען זאָלן סאַברעס אונדז אין פריידן,
און מוסקלען זייערע פון פלייש און בראָנזע —
באַפרײַט פון בלוט־פאַרמעסט און פון ניצחון —
מדבריות זאָלן אויסשפּיגלען אין ברויט און קווייטן.

המפיל... אַז פאַרנעמען זאָל פון דודס פידעלע דעם שלום־ניגון,
וואָס וואַרט פאַרטייעט דאָ
אַהינטער בלויען באַרג און היגל,
אַהינטער גרינעם קוסט
איעדע רגע, יעדע שעה
אין יעדער לעבעדיקער ברוסט —
די וועלט וואָס האָט פון קדמון אָן געוואַרעמט זיך די הענט
ביי שײַטער, ווו מען האָט נאָר אונדז, נאָר אונדז געברענט.

אור לגויים

ניט ציטער, זונעלע, און האַלט זיך רויִק אין מײַן שויס.
עס מאַכט גיט אויס, וואָס ס׳איז דער הימל הײַנט אַנטזוניקט,
אַ טויבע כמאַרע אויף דײַן שוועל פֿאַרעקשנט הויערט
און פּחד זוכט פֿאַרפֿרירן בלויע טענער אויף דײַן גומען;
עס מאַכט ניט אויס.
און זאָל ניט שרעקן דיך דער לויער
פֿון נעצן, וואָס פֿאַרצויגן האָט אַ וועלט דאָ רונד־אַרומיק,
און גאַל וואָס כוואַליעט זיך ביים טויער.
ס׳איז ניט די ערשטע דאָך געבײַלטע פּויסט,
וואָס האָט אויף דײַנע גרינע צווײַגן זיך פֿאַרנומען.

דו טו אַ קוק אויף לײַב מײַנעם — דײַן טאַטנס און דײַן מאַמעס —
און לייען דורך אויף אים די שריפֿט, וואָס האָט אין אים פֿאַרקאַרבט
די פֿרומע צונג פֿון גלח — אַ חלף אויסגעבעט אין סאַמעט —
פֿון פֿריץ שיכורן, פֿאַרריסענעם מאַנאַרך,
און קנאה וואָס פֿאַרטשאַדעט טויגעניכצן האָט ווי שטאַרקער
ווײַן,
און קיילערם אויפגערייצטע יוכע,
דור אויס, דור אײַן,
אין כלע זאַווערוכעס.

פֿאַרקוקט אין ווײַט, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו מיניען מיט
בטחון,
ניט אָפּגעטראָטן חס־ושלום פֿון באַשטימטן וועג;
אין שטיל־פֿאַרבענקטן ניגון אַליץ פֿון דווידס פֿידעלע פֿאַרהאָרכט,
פֿאַרבליבן איז דײַן פֿאָלק דער כוהן גדול פֿונעם אייביקן פֿאַרמעג —

פון אמת און פון צדק —
אין אַלע ניין און פערציק טויערן פון טומאה און פון זינד.

געדענק, מײַן קינד —
נאָך יעדער בלוט-זאַווײ, נאָך שײַטערן און קראַטן,
האָט אויפגעטויכט דײַן פאָלק מיט שטאָל און פלאַם אין זײַנע
גלידער,
צו להכעיס די נביאים פאַלשע, זייער „גלייכן" שכל,
און תמיד האָט ס'פאַרקלעמטע האַרץ אַ שטראַל פון טרייסט
פאַרגאַרטלט,
און נאָך אַ מאָל, אויף ס'ניי, און ווידער, ווידער,
די זון האָט אויפגעעפנט טיר-און לאַד-פאַרריגלט מיט אַ שמייכל.

ניט ווער נתפעל, קינד, וואָס ס'טראָגט פון גרענעצן זיך אַ געבראַזג
פון קייטן;
דו האָלט זיך פעסט ביים אַלטן דרך פון די זיידעס
און וויים — דער דורותדיקער נוסח האָט באַוואָרנט מיט
אין-סוף דײַן דויער,
געבראַכט צוריק אַהיים נאָך אַלע בייזע שלאַכטן;
דו וועסט, אימירצעשעם, אַוודאי ווערן נאָך אַן אור לגויִם,
ווען דײַנע בילער וועלן נאָר דערצו דערוואַקסן...

צום סאַבּרע

ניט אמת, אַז דו ביסט געקנאָטן פון אַן אַנדער טייג
און אָפּגעוווּיכט פון אַלטן דורותדיקן גאַנג דײַן טראָט איז.
דאָס האָבן מיר ירושהדיק־פאַרעקשנט זיך פאַרלייגט —
באַוואַכן אונדזער אָפּגעהיטער טרוים זאָל דײַן צוקאָפּנס.

געגערט האָט זיך דײַן פלייש און ביין פון אייגענעם פאַרזיי,
דײַן וויגליד — מיטן ניגון־זאַלב פון תהילימדיקע פּסוקים;
טראַגסטו אי פלאַטערדיקע טרייסט, אי פּראַסטיקן זאַוויי
פון אַלע תקופות פון דײַן פאָלק ישראל אויפן רוקן.

דײַן אויג פון אַלע שייטערס פון דעם עבר זעט דעם רויך,
די אומוועגן, וואָס האָבן אונדז געפּערטלט אינעם גלות.
דערפאַר — דײַן נדר ניט צו בעטלען לעבן אויפן בויך,
דײַן אָנגעשפּיצטער בליק אַן אויסגעגאָסענער פון שטאָל איז.

נאָר ווי צו אונדז, וואָס אויך דײַן גורל איז צו שעפּן פרייד
מיט עמערס צער צוזאַם — דער סימן מובהק פון די אָבות,
ווײַל דער נצחון־נס איז פון פאַרשטיקט געוויין באַגלייט
נאָך זין, ווו ס׳גאַנצע פאָלק, בײַ קברים זייערע, שטייט באַרוועס.

מיר אַנשטאָט זיי

איך בין מיט דיר דורכוים, מיט לײַב און נפש, הייליק לאַנד מײַן,
אין טעג וואָס זײַנען אויסגעליידיקט פון אַ פריידיקן געלעכטער
און בענקען נאָכן רייץ דעם שעמעוודיק געשפּאַנטן
אין פײַערדיקן בליק פון דײַנע זין און טעכטער.

זיי שטייען איצט די טײַערע אויף גרענעצן באַדראָטע
און זייער צאַפּלדיקע יוגנט וואַכט אויף דײַנע שוועלן,
און מיר, אַ תפילה ציטערט אויס פון יעדן האַרץ און אָטעם —
פון זיי, אין בלוטיקן פאַרמעסט, זאָל קיינער זיך ניט פעלן...

זיי זײַנען אַלץ. דער איינציקער פאַרמעג פון אַלע דורות,
אַן אויסגעלײַטערטער אין כלע שמעלצטיגלען פון גלות.
זיי זײַנען אין דיר, לאַנד, די וווּנדערבאַרסטע פּרות!
אַ מוסטער פון דײַן פאָלק וואָס צײַטיקט זיך אין שלום.

איך ווייס, דער שונא וועט קיין שפּאַן ניט איבערטרעטן
פון באָדן וואָס צוויי טויזנט יאָר נאָך זייער שוויס געבענקט האָט.
עס שטיקט אָבער אַ טרער, וואָס פאַר געגאַרטער רעטונג
דער מולך וואַרט זיי זאָלן זייער לעבן אָוועקשענקען.

מיט דיר פאַרגורלט אונדז, ישראל, דער וואַנדער פון די אָבות,
נאָך פאַרן מתן-תורה זייער גאַנג באַשערטער.
וואָלט אויך מײַן טויט געווען פאַר מיר אַ כבוד
ווען ס׳קאָן אַנשטאָט די זין מײַן גוף ווערן צעפּערטלט.

4.6.67

איז גוט

ס'איז ניט קיין נײַעס פֿאַר דיר, מײַן קינד,
אין קאָן אַוועקשטעלן די לעצטע כּלים,
אַזוי האָט שוין געטאָן דער ערשטער ייִד,
אַזוי שוין זינט דער ערשטער האָסט פֿאַרלאָזט די הייל.

ווי הייליק דיר איז דער באַשאַף,
איז הייליקער דײַן אויסדערוויילטער דרך;
האָסט קיין מאָל פֿאַר קיין אָפּגאָט ניט געקניט,
פֿאַרקאַרבט כאָטש ס'האָבן דײַן עקשנות בלוט און טרערן.

אויך הײַנט, ווען שנאת-חינם פּרעסט
אויף אַלע טויערן פֿון דײַן סך-הכּל,
און דײַן געהאַרך — מיט שאַרפֿקייט פֿון דײַן שווערד,
שפּאַנסטו דײַן גאַנג און לאָזט פֿון האַנט ניט אָפּ דעם אַקער.

איז גוט מיר זײַן, מײַן פֿאָלק, דײַן קינד
מיט זיסן טעם פֿון דויער אויפֿן גומען —
ס'איז דוידס פֿידעלע קיין מאָל ניט שטום,
נאָר בלויז אַ ייִדיש האַרץ כאַפּט אויף אירע ניגונים.

בדמייך חיי

מלך ראַוויטשן

אַזוי איז אונדז באַשערט.
און פרעג קיין שאלות ניט, מיין קינד,
עס וואָרט נאָך אַלץ די תשובה ביי די טויערן פון רוים.
פון נעפּלדיקן אורוואַלד אָן,
פון פלאַסטן שטויב,
וואָס דעקן צו דעם זכר פון פאַרגעסענע שוין דורות,
ביז דעם שיר־המעלות דיר צוקאָפּנס,
ביזקל לעצטן אומרו־שפּראָץ אויף טאָג אָן טוי,
געסטאַרעט זיך אַ וועלט האָט —
וואָס איז ביז הײַנט דעם עם־קשה־עורף נאָך ניט גורם —
די רעטעניש פון אונדזער אַנדערש צו צעקײַען,
דעם סוד פון די באַזונדערע געצעלטן,
פון עם לבדד — דעם עקשנותדיקן אני מאמין,
דעם כוח פון דעם קרבן, אויף להכעיס,
אַרויסצוטויכן תמיד פונעם מתים־טאַל
און, זע, עס שטאַפּלען נײַע רושטעוואַניעס
מיט בטחון.

דאָס איז דער סוד דער סודיקסטער פון דער ירושה,
רזי דרזין,
ניט צו פאַרשטיין,
קענסט בלויז באַנעמען אים מיט דײַנע טויזנט חושים,
אין אים דער זין פון גרויער וואָך, יום־טובים און שבתים,
און זײַנע וואָרצלען שלאָגן הויך אויף מתן־תורה פליגל,
צום סאַמע שפּיץ זיי שפּאַרן אָן פון יעקבס סולם,
פאַרניגונט אין אין־סוף.

אין מעשה־בראשית אײַנגערינגלט,
ווען גאָט אַליין האָט מיטן פולן מויל געזאָגט — כי טוב!
און דער מלאָכים־כאָר האָט אויסגעהימענט ויכולו!

דערפאַר ביסטו געבענטשט, קינד, מיטן נס פון דויער,
וואָס הימלט אָן דײַן אויג,
כאָטש קריעה רײַסן איז געווען דײַן טעגלעך ברויט;
דערפאַר דײַן טראָט איז אָנגעגאָסן מיט בטחון,
כאָטש ס'האָבן דערנער דיר געפליקט דײַן לייב;
דערפאַר דײַן קול איז ווי אַ בת־קול אָנגעסטראָיעט,
כאָטש אין מדבריות האָט געריסן פון דײַן האַלדז זיך שמע ישראל,
הלמאי?!...

מיט צוויי נאָר ווערטער האָט באַשוואָרן דיך דער כביכול,
אין זיי לעולם ועד דײַן צוואה,
אין זיי די קדושה פונעם לעבן —
בדמייך חיי!
מען מוז דאָס לעבן ראַטעווען פון בלוט און שוועבל;
אין זיי דײַן יחוס און דײַן שליחות
משיחן אַקעגנגיין בטהרה און מיט גלי —
פאַר גאָרער וועלט צו צינדן דעם נר־תמיד פון אהבה,
ס'זאָל שעפּעלע און וואָלף פון זעלבן סידור דאַוונען...

ניט פאַרגעס

אין קריאת-שמע, מײַן קינד, פאַרן שלאָף ניט פאַרגעס דאָס
זעקסטאָגיק קאַפּיטל
און פליסטער אַרויס אים בלחש אין ציטער פון קדושה פאַרקיטלט,

און זײַ זיך מתיחד מיט אים בכוונה, ווי מיט אַ קמיע,
און זײַ עולה-רגל בטהרה צום כותל-מערבי אין צווייען.

פאַרנעם דאָרט פון צענדליקער דורות דעם גאַנג — צו דעם
קוואַל פון בטחון,
פאַרזוך דאָרט די גלײַקע טרער פון חיילים ביים ראַנד פון נצחון.

און לייג צו דײַן אויער, כ'באַשווער דיך, צו הייליקער ערד בײַ
דער מויער,
און זאָל מיט דער שאַרפקייט פון בליץ זיך פאַרקאַרבן אין האַרץ
און אין מוח

ס'געבענק און געשלוכץ, וואָס וועט אייביק זיך יערן פון דעם
קרבן-עולה,
וואָס צוליב דײַן דויער האָט ער אייגנלײַביק פאַרפולט אַ בית-עולם...

המשך

לערן, קינד מיינס, לערן,
טו אַרײַן אין לימוד זיך מיט קאָפּ,
קמץ אַלף — אָ!
קמץ בית — באָ!
פון זעלבן סידור האָט געדאַווענט אויך דײַן טאַטע,
דעם זיידן נאָך האָט ער דערוואַרעמט זײַן באַגין,
און דײַן קינד וועט, חלילה, אָפּגעבן מיט שעטנז,
אויב ער וועט אין אים ניט אָפּזוכן דײַן שטים.

דו הער זיך צו, מײַן קינד,
לייג צו דאָס אויער צו די געלע בלעטעלעך פון סידור —
דערגיין צו דיר עס זאָל מײַן ניגון,
וואָס כ׳האָב אַרײַנגעזונגען אין די אותיעלעך די קליינע
מיט אַזוי פיל האַרץ, יידיש האַרץ צעגליטן.

אָט שטיי איך איצט לעם דיר
און אויף מײַן פּנים באַלכסון
אַ דינעם פּעדעמל אַ גלאַנציקן געלאָזן האָט אַ טרער
פון שטילן נחת,
וואָס אין דײַן זיסן קולעכל, דעם פרומען,
דערקענט האָב איך די בענקשאַפט,
וואָס אַ מאָל האָט מײַן געמיט באַנומען —
פון אַ ווײַטער בלוי־פּאַרכישופטער קאַפּעליע —
ווען ס׳האָט דער גוטער מלאך
אַ קאָפּקע מיר אַראָפּגעוואָרפן פון דער סטעליע
בשעת מיין באָבעס תחינה־פליסטער מיר אין אויער:

ער וועט, דער הייליקער, אַ שומר זײַן פֿאַר דײַנע טריט
אויב דו וועסט לערנען תּורה, זיין אַ ייד —
און מיין מאַמעס האַלב־פֿאַרשטיקטער „אָמן".

עס איז ניט שווער, מײַן ייִנגעלע, דעם אַלף־בית צו קענען,
סימנימלעך סך־הכּל צוויי און צוואַנציק,
און יעדערער פֿון זיי, ווי אין אַ פֿורעמל,
פּירקאַנטיק אויסגעצאַצקעט;
זיי שמייכלען דיר אַנטקעגן, טײַערער,
מיט אַלע זיבן חנען,
מיט יחוסדיקן שטאָלץ ירושלימער,
מיט אָבותדיקער שלימות.

דו זעסט דעם אַלף?
אַ גופֿעלע אַ שלאַנקס זיך אײַנגעמאַסטעט קרום,
אַ קעפּעלע, אַ פֿיסעלע מיט שפּיצעלעך בײַם ברעג,
פֿאַרשאַרפֿטע ווי אַ חלף;
ער איז דער ערשטער אות,
דער ערשטער פֿונק, וואָס צינדט אָן דעם לאַמטערן,
דער ערשטער קלאַנג פֿון כּביכול,
וואָס פֿון באַרג סיני האָט געלאָזט זיך הערן —
אָנוכי!
מיט אים הייבט אָן זיך אויך אַברהם —
דער סאַמע ערשטער ייִד,
וואָס האָט אַ גאָט געגעבן אונדזער פֿאָלק ישׂראל.

לעם אים דער בית,
פֿאַסיקלעך דריי שעמעוודיק פֿאַראייניטע בכּוונה,

זײַן צניעותדיקער בליק איז תמיד אין אַ זײַט,
אין תמימותדיקער פּשטות;
איז ער פון אַלע פאַרמעטן דער אָנהייב,
דער ערשטער צו דער תורה אַ פאַרקנסטער,
דער ערשטער פון דעם בראשית.

און כלפּי זיי עס פאַלן ניט דער ג׳, ד׳, ה׳,
און אַלע, אַלע שליחימלעך פון אונדזער זײַן באַשערטן;
דער יודעלע אַפילו, קוים מען זעט אים אָן,
אויב שטעלן זיך צוזאַמען יודעלעך נאָר צוויי —
איז מיינט עס קדושה לויטערע פון אייביקייט גענערטע,
איז עס דער שליסל צו דעם שם-המפורש
דורך לאַנגע, לאַנגע דורות.

איז לערן, לערן, יורשל,
מיט ברען, מיט האַרץ, מיט אַלע גלידער,
די אויתיעלעך פאַרבעטן דיך צעשמייכלטע צום סידור
זאָלסט אויסלייגן אין תּפילות זיי —
לדוד מזמור,
אין „על הניסים" צו דעם פאָלק דעם גייער,
וואָס אַלע טאָג געוואַרט האָט אויפן גואל,
אין „שהחינו" צום געוואָג פון זין פון בויער,
אין „ברכי-נפשי" צו ישראלדיקע הימלען בלויע —
צו צה״ל — למנצח.

נאָקטורן

האָב ניט מורא, מײַן קינד,
פאַרן חושך, וואָס האָט האָריזאָנטן אין בלי אויסגעלאָשן.
ס׳איז נאַכט — טוליען שאָטנס זיך — שומרים — צו ביימער
בײַם וועג,
ניט פאַרשטערן, חלילה, ס׳זאָל קיינער דעם שלאָף
פון די טעג.

אוודאי, מיין קינד, איז אַזוי,
ניט גלײַיקע בליקן פון פײַנט צווישן קוסטעס אין לויער;
דאָס צינדן זיך שטראַלן פון שטערנדלעך בלוי,
אײַנגעטײַעט,
אין טראָפּעלעך טוי.

וואָס שעפּטשעט געהיימפול דער ווינט? —
ער דערציילט זיי בסוד פון אַ לוסטיקן רעגן,
אַ מעשׂה פון טויזנט אײן נאַכט
פאַר די בלעטעלעך מיליע־מיליאָסן און גרעזעלעך גרין —
וואָס ער האָט אויף אַ וואָלקן געבראַכט.

וואָס ריטעמט געמאָסטן אַזוי, קוים מען הערט עס? —
אַ, יורשל מיין, אַ געזונט אין דײַן אויער,
דאָס האָסטו דעם דופּק דערשפּירט פון באַשאַף,
די פּוכיקע טריט פון חלומות,
דעם אָטעם פון דויער.

און מײַן קול פֿאַר וואָס איז אין ציטער געדעמפּט? —
פֿון שמחה, מיין קינד, וואָס מײַן אומרו בײַ דיר אויפֿן גומען
און האַרץ דײַן, ווי מײַנס, זיך פֿאַרגייט אין אַ תּפֿילה־נאָקטורן,
וואָס וועבט זיך פֿאַרטרויט און פֿאַרבענקט
נאָך אַ ליכטיקער בשורה.

נאָך ניט די צייט

נאָך ניט די צײַט פון ציילן פעדעם אין די ציצית,
מיט קלוגן אומעט-שמייכל בלעטערן קאַפּיטלעך פון אַמאָל
אין בערג זכרונות אָנגעהויפּט
און, אויסגעטאָן פון זאָרגן,
זיך קוויקן מיט אַ בליאַסק פון פרייד, אַ ניצוץ
פון פליִענדיקן פויגל-קול,
וואָס זינגט באַגינען אויס דעם טאָג „גוט-מאָרגן" —
כי טוב.

דער שפּיגל ווינקט מיר לאַנג זיך צו פּאַרטראַכטן,
און מײַנע יאָרן באַמקען צו מיט גרויען קאָפּ,
נאָר איך אַליין
בין מיט מײַן סוף זיך ניט מתיחד —
אין מײַן געשפּאַן איך שטעל איצטער דעם ערשטן טראָט,
און פיר אַ ברוגז נאָך מיט גאָרער וועלט,
וואָס וויל פאַרעקשנט ניט פאַרשטיין,
אַז ניט געוועז איז פון באַשאַף דער מיין —
ס'זאָל אייביק ציטערן בײַם שעפּעלע די פעל...

אַזאַ זאָלסטו פֿאַרבלייבן

נאָך די זעקס טעג

פֿון זינט דער שונא האָט באַלאַגערט אונדזער טויער,
אַרויסגעריסן דיך, מײַן קינד, פֿון אויסגעוואָרעמט בעט,
האָט ניט אַדורכגעלאָזן קיין שום קלאַנג מײַן אויער,
געפֿאַלן פֿון דײַן מויל געהעמט.

כאָטש נאָכגעגאַנגען דיר איז אַ באַפֿליגלטער נצחון,
באַצוווּנגען האָט אַ שטומקייט דײַן געשטאַלט,
ווי ס׳וואָלט פֿאַרשוואָרן דיך מיט האַרבע שבועות
אַליין דער כביכול
פֿאַרשווײַגן דעם געהאַלישן געוואַלד,
פֿאַר וועלכן, ווייסט, ניטאָ איז קיין רפֿואה.

גערעדט אַ סך, אַ סך בלויז האָבן דײַנע אויגן,
פֿאַרערנסטע מיט פּקחות פֿון באַיאָרטן מאַן;
די ערשטע קאָרבן אויף דײַן יונגן שטערן
מיט גרויע שאָטנס אָנגעזויגן;
נאָר ווערטער — ווייניקע, געשטאַמלטע, געצאַמט.
עבֿודת פּרך.
שטיקער האַרץ.
און צער, צער...

אין קורצע פּסוקים האָבן קלאַנגען זיך געבונדן
מיט מוסר־יחוס פֿון די זיידעס,
מיט פּשטות און ענווות,
ווי מ י ר, ניט א י ך, אין איין געפֿאַר פֿאַררונדיקט,
געטאָן נאָר דאָס, וואָס וואָלט געטאָן אַבי ווער,
וואָס טראָגט אין זײַן זכרון שמד און קייטן.

און גאָר —
ווי דאָס איז אַלץ וואָס האָסט געהאַט צו זאָגן.
אַוודאי, אין דעם בלוטיקן פאַרמעסט
ניט אָפּגעלאָזן האָבן דיך די ווידערקולן
פון ביקסנקנאַל — געוועקט דײַן קינדישן קאַיאָר,

גראַנאַטן-ריס — דײַן ברויט אין יינגלשן מעת-לעת,
די אַכציק דורות וואָגל,
דער אײנציקער און לעצטער חלום
פון זעקס מיליאָנען קדושים, זייער אַני מאמין,
און ווענעם טויט דעם שליסל צו דײַן היים
דערלאַנגט האָט דיר אַן אויסגעלײַטערטן אין געטאָ-פלאַמען,
אַז אויסגעלייזט זאָל ווערן זייער כבוד
פון זייער אייגן פלייש און ביין —
פון זין, וואָס בויען רושטאָוואַניעס.

נאָר מיר אַליין, וואָס האָבן דיך געכאָוועט
ביים שײַן פון גרענעץ-רויך און פּאַלנדיקע שפּליטערס,
געפּלעפּטע שטייען פאַר געדעטעניש פון אונדזער פלאַנץ און
זיין פאַרביקער פּאַליטרע,
וואָס מיניעט זיך מיט גלויבן פון די אָבות,
מיט מוסר נפש זײַן זיך פאַרן פאָלק אין גאַנצן.
מיר דאַוונען היים מיט טרערן-פרייד אַ מבול:
אָזאָ זאָלסטו פאַרבלײַבן אויך להבא.

עס צאַפּלט זיך דאָס לייב

אַ צײַטבראָך האָט פֿאַרשאָטן לענג און ברייט פֿון בלויען שליאַך
צום נעפּלדיקן נעכטן.
דאָס אייניקל — אויף אונדזער אַלטן שטאַם אַ יחוסדיקער צווײַג —
פֿאַרנעמט שוין ניט זײַן עכאָ.

מיר קוועלן אָן פֿון טאָג, פֿאַרהאָרכטן אינעם גאַנג פֿון עבר,
זײַן תּיקון — טרוים און שלימות.
דאָס אייניקל האָט ניט געזען — אויף תּהילים-פּסוקים אין בית-מדרש
אַן עדה לופֿטערט אויס איר אימה.

און ניט דערשפּירט די טרייסט, וואָס פֿלעכט אַרויס זיך פֿונעם מנין,
מיט טרערן אָנגעדימענט;
און ניט געהערט דעם ניגון, וואָס פֿאַרגייט זיך פֿאַרן עמוד,
אים באַגלייט
דער אָמן פֿון דער שכינה.

איז פֿאַרן מאָרגן צאַפּלט זיך דאָס לײַב, פֿאַר ניכטערקייט
פֿון אָרון-קודש-פּליטים.
ווער שטיצן וועט, מײַן קינד, דײַן כשר-קלעטער אין דער הייך,
אויב וועסט ניט אָפּזוכן דעם וועג צו יעקבֿס לייטער?

ביים כותל

נעם מיך צו זיך אין דײַן שטײנערנער אײביקײט, נעם מיך.
לאָז מיך זײַן לעבן דיר אַזוי קלײן, פּונקט ווי קלײן איז
אַזאַ, וועמען ס׳פעלט אויס אַ טראָפּעלע מוט אין די אויגן
אַנטקעגן דײַן קדושה, נאָך גרעסער ווי משה רבנוס.

ווער בין איך ? אַ מילב אויף די קני לעם דײַן וואַכיקן אויער
פאַר תפילות פון דײַן פאָלק ישראל אין כלערליי צײַטן;
און וויל איך אַ טרער זײַן אין טײַכן געוויין, וואָס דײַן האַרץ
האָט פאַרנומען,
ווייס איך ניט, צי איז זי אויך ווי מײַן מאַמעס געלײַטערט.

נאָר אין מײַן ציטער פאַר דיר איך פאַרגיי אין אַ שטומקייט,
ווײַל כ׳האָב ניט קײַן פּשוטע ווערטער אַנטקעגן דײַן פּשוטער
גדולה;
און מורא איך האָב מיט די הענט צו באַרירן דײַן קדושה,
מײַן טרוקענער שלוכץ בײַ דער שײַן, וואָס דו וואַרפסט אויף
מײַן חולין.

טאָ לאָז מיך אַ זעמדעלע זײַן צווישן קוויטעלעך, תחינות,
וואָס דו האָסט פאַרהיט אין זכרון עד סוף כל הדורות;
און זאָל איך אויף ווײַטער מיט דיר זײַן אַ שטילער מחותן
אויף שמחות פון מוטיקע יורשים פון דײַן עם קשה־עורף.

אוודאי, טײַערע...

אַוודאי, טײַערע, איז גאָרניט לײַכט
אַרויסרײַסן פון בעט זיך אײדער טאָג
מיט שלעסער שלאָף נאָך אין די אַפּלען
און פויזען אין דעם דממה־גליוועד,
מיט טראָט, וואָס פּלאָנטערט קרום,
צו די בהמות און אין לול,
אַנשטאָט דעם זון.

אַוודאי, טײַערע, איז גאָרניט לײַכט
דעם האַרבן חשבון מאַכן תמיד נאָך חצות,
ווען אינעם חושך בלענדן אויף די בלויזן,
וואָס מאָנען שטום אַ האַנט געניטע,
און ווייסט ניט ווו מ׳נעמט זי:
ווײַל אָנגעקלאַפּט, אַן קול, אין שויב האָט עמעץ,
און ס׳האַרץ פון זון דער שאַרך האָט אָנגעריטעמט —
ער איז אַוועק ווו ס׳רויכערט זיך די גרענעץ.

אַוודאי, טײַערע, איז גאָרניט לײַכט
אין סאַמע ברען פון טאָג פאַרנעמען זיך אַהיים,
אַן אָפּגעשרפּעטער פון שוויים,
אין אויגן — ליקוי־חמה,
צו וואַרמעס קומען אַן די אייניקלעך פון שול —
און ניט אַ פּאַל טאָן, ווי שטייסט און גייסט,
אין שאָטן פונעם וואָגן, צי פון גאַניק,
אין ציטער פאַרן זון, צעדולט.

אַוודאי איז נים לײַכט, מײַן טײַערע,
צו פּליקן פּירות צער פון דראָענדיקן טאָג.
דו ווייסט דאָך אָבער, אַז אויף אונדזער טיש איז תמיד
געשטאַנען גרייט אַ פולער אליהוס כוס...
אויך היינט וועסט אונטערשטעלן דײַנע דאַרע פּלייצעס.
כאָטש ס׳איז קיין נחת נאָך ניטאָ,
און פּחד גאַרטלט אָפּט מאָל אָן די לענדן,
איז נאָך, אין דער אַ שפּעטער שעה,
נים פּסול מײַן של־ראש...
וואַרט, ס׳וועלן נאָך די פײַערלעך פון דײַנע שבת־ליכט
זיך מיניען בײַ די נאָענטע און ווײַטע שכנים,
און אייניקלעך זיך וועלן האָדעווען בײַ זין
אָן אימה.

אַ בלויער שטראַל פאַר זיין באַגין

מײַן לייב — אַ נעץ פון דין־פאַרדינטע סטרונעס —
איז אָפן פאַרן אָטעם פון אַ קוים־באַריר,
פאַר ציטער פון נאָך ניט געבוירענע ניגונים
פון צווײַט און פון חלומות אין געפריר.

עס מוז דאָך זײַן אין די מיליאָסן וועלטן,
וואָס קלעמען אוים די נעכט מיט שטערנדיקן חן,
אַ שאָל, וואָס וועגט דעם ווײי פון אויג פאַרטרערטן
און שמייכל זוניקן פון פערלדיקע ציין.

ווײַל בלוט און טוי באַנאַנד אין אונדזער קיום,
געראַנגל האַמערט אויסעט קאָרבן אויף דער הויט;
ווי וויל איז דעם, וואָס זען ער האָט די זכיה,
אַז צער ווערט אויסגעלייזט דורך פריש־געבאַקן ברויט.

נאָר מײַנע סטרונעס וועקט דאָס רוב דער פּחד
פון ווײַסע טײַבעלעך אין נעגל פון קאָרשון,
פון גייער, וועמעס שטיבל אָן אַ דאַך איז,
און זעלטן ענטפערט זיי אַ פרילינגדיק געזשום.

באַהאַלט איך אָפּט אין מיטן טאָג דאָס פּנים —
עס זאָל מײַן קינד ניט זען מײַן וואָגלדיקן בליק;
איך בין מתפּלל ביי אַ וואַקלדיקן עמוד
עס זאָל אַ בלויער שטראַל באַשערן זײַן באַגין.

יידישער קרעכץ

דער אומעט וואָס שאָטנט זיך תמיד פון יידישע שטערנס
פון יידישע בליקן
זיך שפינט אויפן דימענט-געוועב פון ישראלס זכרון,
פון ווײַטן — אַ מאָל איז געווען, איז געוועזן...
ער ציט זײַן יניקה.

פאַרפלאָנצט איז דער אומעט אין שטומע צעגליטע מדבריות
פון קיינעם באַטראָטן,
ווּהין ס'איז אַנטרונען מײַן שטאַם דער פאַרקנעכטער
צו זוכן אַ גאָט פאַר פאַרהוילענעם מאָרגן,
פאַרגעסן זײַן נעכטן.

פאַרקריצט איז דער אומעט אין שמות-פנקסים
פון קהילות — ווי דעמבעס אין דר'ערד איינגעוואָרצלט —
דורך נאַכט אויסגעריסן;
אויף איין האַנט אַ קינד, אין דער צווייטער אַ שטעקן,
אַ קלומיק מיט טלית און תפילין אויף פלייצעס עס טאָרטשעט.

און ווידער אַ קרעטשמע בײַם טראַקט פון זײַן וואָגל,
קשה-עורפדיק ווײַטער געשטעלט רושטאָוואַניעס
מיט אויסקוק אויף רחמי שמיים,
אין בתי מדרשים — אַרונות מיט ש"ס און מיט פוסקים,
און ס'פלעכטן זיך קולות פון תהילים מיט אמר אַביי.

פון דורות די בענקשאַפט מיט אַלע קאָלירן
זיך אָפּגעזעצט האָט דאָרט אין פּאַליצעס ספרים;

עס האָבן געהאַלטן מיט קדושה זיי הענט און מיט ציטער,
און אויגן געזוכט אין זיי דורשטיק דעם סוד און דעם תכלית
און כוח פאַר ביטול צו נײַע געוויטערס.

פאַרטויט ווערט דער בליק און דער מאַרך אויפגעזאָדן,
אַ פסוק באַפאַקלט דאָס האַרץ פון פאַרפײַניקטער עדה
ביים ראַנד פון אַרומיקן לויער;
און ס'ברעכט זיך אַרויס מיט דערלייזונג דער יידישער קרעכץ —
אָ, עפן שוין, פאָטער אין הימל, פון רחמים דעם טויער!...

מיט אַ שטעקן און לאַמטערן

כּמעט אײַנגעשפּאַרט איך בין כּסדר קעגן דײַנע מעשׂים,
דאָך בין איך ניט געגאַרט און וואַרט ניט
ס'זאָל אָפּשלאָגן אין הימלען פון מײַן קול אַן עכאָ.
ווער בין איך כ'זאָל אין דײַנע דלת אַמות זוכה זײַן צו שטיין?
דאָס פּיצל איך וואָס קלאַמערט זיך אין פּוסטע גאַרבן,
אויף זיי באַפוילן האָסט בפירוש — „בזיעת אַפּיך".

ביז הײַנט פאַרשטיי איך ניט פאַר וואָס האָסט זיך אויף אים
פאַרנומען;
צי האָט דער בראשיתדיקער חטא געמינערט פון דײַן כּבוד,
אַז אין אין-סוף אַרײַן מוז אָנהאַלטן דײַן כּעס?
און אפשר ביסטו גאָר פאַרטאָן אין דײַנע שי עולמות
און האָסט פאַרגעסן דעם בן-אָדם אין זײַן אומרו —
דײַן אָפּבילד — דעם בר-דעת?

איז ווער זשע פירט אָן מיט דײַן וועלט אַזוי קאַפּויער,
ווי ס'איז קיין סליאַד אַפילו אויך ניטאָ פון אַ בעל-תשובה,
נאָר אַלע טאָג געבוירן ווערט אַ נײַער דור הפלגה,
פון גאַסן נאַקעט שרײַט אַראָפּ מיט עולם-הזה,
ווען זיפּצן גייען אוים פאַרחלשטע בײַם טויבן טויער,
און הענט פאַרשוואַכטע פאַלן אָפּ פון שותּפותדיקן וואָגן.

דערפאַר אין נעכט איך בײַם זיך אײַן אין אייגן לײַב,
און גוזר כ'בין אויף זיך קיין אויג ניט צו פאַרמאַכן,
נאָר, ווי די זיידעס, מיט אַ שטעקן און לאַמטערן
צו גיין און קלאַפּן ווי אַ וואָרעם האַרץ —

ס׳זאָל ווי אַ מאָל —
דער בליק פון טאַטעס און פון ווײַב
אין אהבת ישראל טובלען זיך, אין רחמים,
און ציטער פאַרן לאַנד די קינדערלעך זאָל נערן.

מיין תפילה

אַן אייניקל פון פרומע אָבות,
געלערנט האָב איך פון דעם נביא,
וועמעס נאָמען טראָגן מיר באַשערט איז,
וואָס פאָלגן ניט געוואָלט גאָטס שליחות.
נאָר כ׳האָב אין זיך אַליין אַרײַנגעוויינט מיט פולער מאָס
דעם ווילדן פּײַן און אייפער אומגעהערטן,
וואָס טראָפּנווײַז צאַפּט אויס אין מיר מײַן חיות
אין קנאַפּיקײַט אין מײַנער, ווו עס טליִעט נאָך און פיבערט
דער זכר פון אַ שולהויף, וואָס איך טראָג אין הארצן,
דער זכר פון אַן עמוד מיט געטרײַען שליח-ציבור,
און פון אַ ליד אויף מאַמע-לשון פון אַקעגן איבער —
און זיי צוזאַמען, אין מיין חולין דעם פאַרלוירענעם,
פאַרקייטלען זיך אין מיר ביז ווייטאָג נאָך עד-היום,
ווען כ׳מאַך די אויגן צו, און איין אחד!

מיין אויער איז פאַרהאַרכט דאָך אין געקלאַנג,
וואָס עס פאַרגייט פון ערשטן ייד דעם מכנים-אורח,
און פון אָנוכי אויפן ענוודיקן סיני-באַרג,
און פון קידוש-השם אין אַלטן שמע-ישראל-הימען,
אויף זוניק שפּאַנישע און רוסיש רחבותדיקע פעלדער —
און מוט!
מיט פײַערדיקע אותיות וואָס פאַרקריצט עס האָבן אין מיין הארץ
בר-כוכבא, בן-יאיר, לעקערט, אַנילעוויטש —
צו זיי דריי מאָל אין טאָג איך זאָג אין ציטער ברכו,
און וואַרט, פאַר זיי עס זאָלן שאַלן אויך די פרעמדע גלעקער...

מייַן גאָט, מיט זיינע חושים אַלע
פאַרנעמט דייַן קנעכט דעם צוויקלדיקן יאוש
בייַם שיידוועג פון דעם עבר, יחוסדיק פאַרקלעמטן,
און צאַפּלדיקן פּעדעמל פון מאָרגן,
און איז, ביז אויסגיין פון זיין חיות,
צו דיר מתפלל:
פון דייַנע אותיות-מופתים שיק מיר כאָטש איין סימן,
איין נאָדל נאָר פון סנה, וואָס איז מסתם נאָך ניט פאַרברענט,
אַ סימן, אַז ס'וועט גילטן עד סוף-כל-הדורות
דייַן שבועה, וואָס געגעבן האָסטו בין-הבתרים.
און ברויט פון אייגן אויסגעהאָדעוועטן קאָרן,
און אייגן אויסגעשטערנטער מיט חסד הימל
וועט זיכערן דעם אחרית פון דייַן פאָלק דעם אומגעבראַכטן.

אַ טרער

נאָכן פסק־דין פון די פינף אין ראַטן־פאַרבאַנד

פאַראַן, ווײַזט אויס, אַ האַנט פאַרהוילענע וואָס זאַמלט אײַן
די טראָפּנס צדק, אמת־דימענטן פון גאָרער וועלט;
פאַראַן, ווײַזט אויס, אַ גאָלדן שאַכטעלע
מיט אַ בריליאַנטן שלעסעלע,
וואָס היט זיי אָפּ פון זײַן אויף בייזן אויסגעשטעלט.

אַ מנין מצוות — לויטערע ווי הימלבלוי,
צוזאַמען מיט די אַלטע דרײַ מתנות זעליקע,
אין צניעותדיקן חן,
זיי זאָלן אויסוויַיסן ווי שניי עברות פּורפּורנע,
וואָס ווימלען זיך פאַרפרומט אַזוי
אין מענטעלעך פאַרשלייערט,
בפרהסיה און געהיים,
ווי ס׳האָט אַ מאָל מטהר זײַן געדאַרפט איעדע טומאה
אין אַשעלע, אין שטויבעלע פון דער פרה־אַדומה.

דאָס אוצרל אין שאַכטעלע האָט זיך צעקוואָלן פון פסק־דין,
אַ שמייכל האָט דעם שלעסעלע געעפנט אין דער שטיל,
אַ טרער אַן איינציקע פון די צדיקים פינף
די האַנט פאַרהוילענע האָט צוגעלייגט אַהין.

מאַמע־לשון

עס האָבן דיר די טרייַסטע זין דייַנע, דערציילער און פּייטנים,
אַזוי פיל שבחים אויסגעוועבט, יחידיש און צוזאַמען.
און איך — נאָך יעדערן פון זיי פאַרדבקעט האָב געענטפערט אָמן,
נאָר דעם פּאַפּיר כ'האָב קיין מאָל ניט פאַרטרויט צו דיר מייַן
אַני מאמין.

איך האָב קיין ווערטער ניט פאַרמאָגט קיין כשרע — און האָב
הייַנט אויך ניט —
זיי זאָלן ווערן שליחים הייליקע פון בלוט און מאַרך צעיערטן,
ווו יעדע שעה און רגע אָפּגעריכט עס ווערט מיט אַלע כוחות
אַ תפילה פאַר דייַן דויער, מאַמע, און פאַר דייַן זייַן דעם ניט
פאַרשטערטן.

איך קען אָבער ניט שווייַגן מער בייַם אַנגעוואָלקנטן סך־הכל,
ווען אַלע טאָג עס שטאַרבן אָפּ די לעצטע דאַוונערס אין דייַן סידור.
בין איך הייַנט טובל יעדן אות אין מייַן געשריי, ממעמקים,
און רייד אַראָפּ פון האַרצן זיך מייַן פּייַן און קוועליקע מרידה.

איך ווייס ניט צי ביסט ניט דער גרעסטער נס מתחת השמים,
דער טיפסטער זין פון אַלע, אַלע שפּרודלדיקע קוואַלן חכמה,
וואָס האָסט געשעפּט אין פרעמד און זיי פאַרפירט צו זיך אין שייער,
אַרייַנגעקנייטשט אין זיי דייַן אומעט־חן און זיי פאַרשכלט נאָך מער.

ווי שטייט מען אויס אַזאַ מין טויש, אַזאַ צעמישונג פון השגות,
ווען נעכטן ערשט ביסט נאָך געווען די שפּראַך פון גאַס, פון שול
און עדה,

און הײַנט — מתפּללים עם קוקן פרומע זיך אַרום דערשראָקן:
אין דײַנע טריט גייט נאָך לעגענדע, אַ גערוך פון לשון־קודש...

כאָטש נעכטן האָט דער בראַצלאַווער, דער האַרצעדיקער שליח־
ציבור,
זײַן תּפילה צו דעם אויבערשטן מיט דיר בנעימותדיק געשטאַלטיקט,
און דער באַרדיטשעווער, פון אַהבת־ישׂראל היים געטריבן,
געמוזט האָט זײַן דין־תּורה נאָר אין דײַנע פּסוקים האַלטן.

דו ביסט געווען יעקבס לייטער אינעם לאַנגן, לאַנגן וואַנדער,
אויף אים געשטאַפּלט האָט דער גײַסט פון סאַמע טיף ביז העכסטן
טורעם,
זײַן תּורה שבעל פּה און ניגון פון די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען;
אין דײַנע ווערטער זינגט זיך פּקחות אויס אין גאַנצע פּאַרטיטורעס!

דערפאַר אַנטזוניקט איז מײַן טאָג. איך דאַרף אַ טרייסט. איך וויל
זײַן גלייביק!
אָן דיר בין איך אָן אַ נשמה און מײַן מאָרגן — ניט באַוואָרנט,
זוך איך אַ סימן, יהי רצון, אַז געדײַען וועסטו אייביק,
ניט אויסלאָזן זיך מיט דער קבורה פון אַ שיימע אין אַן אָרון...

נס פון ירושה

נאָר אין זיכרון פאַרבליבן דער ווײַטער מהלך,
צעשיידט וואָס אַ מאָל האָט די דרכים פון ביידנס מחשבות;
אים האָט פאַרשניטן, אוי טאַטע, דעם אשמדיס חלף,
אַוועק מיטן רויך, וואָס דערשטיקט האָט די טרוימען מאיאָווע.

לײַכטער איז הײַנט מיר צו זײַן דיר אַ זון אַ געטרײַער;
מיר פעלט נאָר די באָרד, וואָס באַצירט האָט דײַן זעלישן פנים;
ווי נאָר, וואָס זאָרגן גענומען פאַר אייגענעם שײַער
האָב איך, ווען מײַן אייגן שוין פעלד איז געשטאַנען אין שממה.

כ׳בין אויך, ווי דו, אויף אהבת-ישראל פאַרקנאָטן
און פיל נאָך דעם טעם פון דער שכינה וואָס קלײַבט זיך אין גלות,
שבת פאַר נאַכט, בין-השמשות, ווען שולהויף, פאַרשאָטנט,
דעם לעצטן זינגט אוים למנצח פאַרבענקט, מעלאַנכאָליש.

דײַן בליק איז, טאַטינקע, לויטער געווען און באַפליגלט
מיט טיפער אמונה אין אויסלייז, אין חסדי-שמים;
מײַן בליק — אין יש פון דײַן הייליקן זכר זיך שפּיגלט,
נאָר ס׳קען ניט מײַן תפילה דעם פחד פאַר מאָרגנס צעטײַען...

כ׳האָב אָבער אײַנגעשפּאַנט איברים רמ״ח, אַלע חושים,
כדי צו פאַרזייען אין אייניקל מײַנעם דעם קערן,
בלוטיק פאַרהיטן דורך דורות, דעם נס פון ירושה,
די טרייסט און דעם ליכטיקן זין פון ישראלס מיסטעריע.

זיין זאָל דאָס דער לעצטער ליל־שמורים

וחרבי תאכל בשר

דברים ל״ב

אין טעג פון שטורעמס שטײַגנדיקע, האַרבע,
אין נעכט וואָס שפּײַען בלײַ און פײַער־האָגל,
אַן אימה שפּילט זיך אין רויטע קאַרבן
און שנײַדט זיך אײַן מיט שאַרפן האָקן
אין לײַב און שאַרבן:
עס זאָל חלילה קיינער ניט אַנטרינען
צו זיך אין מויזנלאָך אַליין
און וואַרטן —
פאַרמעסטן מיטן היישעריק פון שנאה
זאָל זיך דער שכן אייגנבייניק.

ביז הײַנט
האָסט אויסגעהיט מיך, גאָט, פון יענער חרפּה,
וואָס צוגעקלעפּט אונדז האָבן שונאים אין דער פרעמד.
בײַ זיך, אין פרײַען זון־געשיין,
אַנטפּלעקט מיר האָבן דעם אַלט־נײַעם תנאַי —
אַז בלית ברירה מוז גילטן דער וחרבי
אין זײַן צווייקאַנטיק אויסגעשליפענעם געבלענד.

נאָר איצט, ווען ס׳האָבן ידי יעקב
פאַרשטערט דער וועלט איר שלאָף מיט זייער גבורה
און שונאים אומבאַהאָלפן ווערגן זיך אין האַס —
גייט אויף אַ תפילה נאָך דעם בלוטיקן גערանגל —
אַז זײַן זאָל דאָס דער לעצטער ליל־שימורים,
דער לעצטער ביקסן־קנאַל אויף אונדזער גאַס!

מיט זיך אַליין

מיט זיך אַליין

ס׳איז פרעמד דער כתב דיר פון דער אייגענער נשמה,
געפינסטו תמיד עוולות אוים לגבי זיך
אין נאָענט און אין ווייַטן.
און ווען עס ענטפערט אויף דייַן טענהן אָפּ אַ שווייַגן,
ווערט שפּיציקער דייַן קול
און ס׳ווערט געדיכטער נאָך די דממה.
ביז אין אַ גוואַלד עס שאַרפט זיך אוים דייַן היות:
פאַר וועלכע זינד בין איך אַ קרבן?!
נאָר מיטן שרייַ
הענגט אָן דער שלאָף אַ טרייסט אויף דייַנע וויִעס.

און האַרט לעם דיר — ביים צווייטן ברעג —
זיצט עמעצער,
וואָס קלאָר ביז פּייַן איז אים דער כתב,
אים האָבן יאָרן אין זייַן האַרץ אַרייַנגעהאַמערט.
זיצט ער לעם דיר,
מיט זיך אַליין,
מיט טענות אַ באַהאַגלטער צו זיך אַליין,
צו זיך אַליין,
און קען ניט שרייַען...

לאָז מיך לייגן מיין קאָפּ

לאָז מיך לייגן מיין קאָפּ אויף דײַן וואַרעמען שויס
איך זאָל אָפּרו געפינען אַ קערנדל בלויז,
הײַנט, ווען ס׳ביטערט דאָס האַרץ ביי דער שוועל פון דײַן הויז.

זיבן מאָל כ׳האָב געמאָסטן דעם שליאַך צו דײַן טיר —
עפּעס האָט מיך פון ספקות אַ פליגל באַרירט,
זון צי חושך? — דײַן שמייכל וועט אויסשיילן מיר.

ווער ווייס צי דו אַנסט ווי פאַרפײַניקט ס׳האָט זיך
דער, וואָס אויך אין זײַן חלום ז׳מתפּלל צו דיר
היים און בלוטיק אַזוי — וואַרף אַראָפּ דײַנע שיך...

ס׳ווערט אין קדושה און שטילשווײַג געבוירן דער קלאַנג
פון דײַן נאָמען, וואָס וויקלט זיך אום אין געזאַנג,
כאָטש פאַרטרערט איז דאָס אויג און עס טוט אַזוי באַנג.

לאָז מיר לייגן מײַן קאָפּ אויף דײַן וואַרעמען שויס
איך זאָל אָפּרו געפינען אַ קערנדל בלויז,
הײַנט, ווען ס׳ביטערט דאָס האַרץ בײַ דער שוועל פון דײַן הויז.

איך זוך נאָך ניט קיין רו

ניט צייל די האָר וואָס זײַנען אויף מײַן קאָפּ פאַרבליבן
און זייער שנייוויַיס ניט באַדויער,
איך פלעכט זיך נאָך אַרײַן מיט ברען אין חסידים-שטיבל
און טופּענדיק אויף רויערד
צעניגונט זיך דאָס בלוט אין אַ מתיקותדיקן כליפּען
און ס׳ווערן תהומען תכלתדיקער, בלויער.

אין קינדהייט האָבן מײַנע זעגלען זיך געזוניקט
אין ים כנרת, אָנגעשטימט תנכיש;
מײַן יוגנט, מיטן טראָפּ אויף פרעמדע שליאַכן,
עס האָט באַהויכט אַ פלאַמיקע אמונה
וואָס האָט זיך אויסגעוויקלט נאַקעט, דאַכלאָז.
אין האַנט אַ שטעקן מיט אַ וואָגל-קלומיק.

אין קלומיק האָט געכאָוועט זיך דער תמצית פון בטחון,
און ער האָט מיט ירושהדיקן אויסטראָג אויסגעשטראָכן
דעם יאוש, וואָס פאַרוואָקסן האָט מײַן מוח אין דער פרעמד,
און יום-טובדיק האָט אויפגעשײַנט מײַן אינדערוואָכן —
אין אַלטער היים מײַן נײַ געצעלט.

איז צייל דאָ ניט די קנייטשן אויף מײַן שטערן דעם צעקעמטן,
אין שפּעטן אָוונט
נאָך גורט מיר אָן אַ בלויער שטראַל די לענדן;
און כאָטש אין נעכט נאָך שנײַדן מיך פון עבר די חלפים,
אַהינצוטאָן זיך
אַזש איך וויים ניט ווּ,
האָט נאָך ניט אויסגעשלאָגן צוועלף —
איך זוך נאָך ניט קיין רו.

אַזוי צי אַזוי?

צי זײַן אַליין, אַליין,
אין צימער נאַקעטן מיט חושך אָנגעפּעלצט —
קיין טראָפּן נאַפּט אין קורניקל ניטאָ,
און ס׳קלאַפּט די צײַט אויס דעם טיקטאַק
פון זײַטיקלעכן שפּאַנען פון דער וועלט
מיט הייזעריקן כריפּ פון זייגער, אָן אַ סוף,
צום טאַקט?

צי אײַנגיין שטיל אין גלותדיקער פרעמד,
מיט דער באַשערטקייט פון פאַרליר,
און ניט פאַרשטיין קיין אות, קיין פלעקל פון זײַן שפּראַך,
קיין אויער ניט געפינען פאַר דײַן יידיש מויל,
אַ גינסטיק הארץ פאַר יתומדיקן בליק,
וואָס זוכט אַ שפּעלטעלע אין דער פאַרריגלטקייט פון טיר?

און אפשר בלייבן אונטער יענעם דאַך,
ווו ס׳וואַרעמט זיך דײַן מאַמע־לשון בלויז,
און קוקן אויסגעווייטיקט אויף צוריק
צום מנין, וואָס געדאַוונט האָט בשמחה אין דײַן קלויז,
דײַן תפילה אויפגענומען פשוט, ווי זי איז,
און וואָלט אויך הײַנט אַוודאי מיטגעווײנט
אין איכה פון דײַן ליד?

*

נאַכט,
איך בעט דיך — לאָז מיך ניט אַליין.
אַליין, דאָס מיינט אין מײַנע ד׳ אַמות.
ווײַל ס׳נעמען וויקלען זיך אַרום מײַן אָרעמען געביין
זכרונות פון אַ לעבן, אויסגעטראַכט און אויסגעלאַכט.
דערפאַר שפּילט עלנט דאָרט אויף אַלע גאַמעס.

נאַכט,
איך בעט דיך — רייד צו מיר, ניט שווײַג.
ניט לאָז מיר שפּײַזן זיך מיט אייגענער דערמאָנונג,
וואָס איז פאַר מיר אַ נאָדלדיקע שטײַג,
און פליגל זײַנען צוגעמאַכט,
און נאַקעט שטייען אַלע טראָנען.

נאַכט,
איך מוז אַ וואַרעם קול פון עמעצן דערהערן,
כ׳זאָל ניט פאַרגעסן, אַז אין הימל תהומיק־טיפן
האָבן ווען עס איז, אַ מאָל, געפינקלט שטערן
און אַ שליסעלע כ׳פאַרמאָג, האָב איך געטראַכט,
צו אַלע טרוימען, העראָגליפן.

נאַכט,
כ׳פאַרשטײ אַפילו ניט קיין אות
אין רעבוס וואָס פאַרפלאָנטערט מײַנע יאָרן.
נאָר כ׳זוך נאָך אַלץ אַ טראָפּן ליכט, כאָטש ס׳איז נאָך חצות,
אויף שטילע טריט איך וואַרט ווען אַלץ אַרום שוין קראַכט,
איך זאָל ניט אויסגעשרפּעט ווערן ווי אַ דאָרן.

אַ חלום

עס גייען פּים
צוויי
באָרוועסע
אַליין —
טרעטן, טרעטן, טרעטן.
דער גוף, פאַרגעסן, באָדט אין שוויים זיך
ערגעץ ווייַט פון הינטן
מיט קאָפּ געזונקענעם, פאַרשנייטן.
נאָר אויג,
פון טרערן־בלוט פאַרלאָפן,
פאַרלויפט דעם וועג און זוכט און מאָנט
אין ספּאַזמעס
אַ הייַפל גרינעם גראָז
אין מדבר.
רבונו של עולם!
גענוג שוין מיט דייַן קידער־ווידער!

צו קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

„ס׳איז פראָסט פאַראַן אין הייסן גליען,
און פלאַם — אין ווייסן שניי״

מיט דעם אַ לשון רייד צו מיר,
פאַרשטיין איך וועל אים כהרף-עין,
ער ברענגט אַ פרילינג צו מײַן טיר
מיט נײַע פייגל סטאַיעס.

כאָטש כ׳שטיי נאָך ניט אין ווינטער נאַקעט-הויל,
דאָך וועלקן אויף מײַן בוים שוין לעצטע בלעטער.
נאָר אַפּזוכן איך מוז אין זיך אליין אַ הייסע קויל,
דערוואַרעמען דאָס האַרץ אין האַרבסט-זאַווײ;
כאָטש כ׳האָב באַגלייט צו קבורה שוין אַזוי פיל געטער —
געפינען כ׳וועל, איך גלויב, נאָך נײַע לוחות צוויי.

און ס׳איז מיר גוט צו ווײנען מיט דײַן צווייטער שורה,
מיט יעדן אות, וואָס רעדט פון פלאַם אין ווייסן שניי,
דאָך וויל איך זײַן אַ פויגל מיט אַן אייג׳נער צורה,
ניט שטעלן זיך לעם דיר אַן הימלען, עלעהיי —
פאַרטריקנט זײַנען אַלע מײַנע צווײַגן,
און וואַרטן ביז דער פראָסט אין מיר וועט העכער שטײַגן
און שווײַגן...

איז האָב אויף מיר, באַזונגענע, ניט קײַן פאַראיבל,
וואָס כ׳האָב פון קלוגן קאָפּ און פערלדיקן מויל דײַנס
אָפּגעזוכט פאַר מײַן געמיט נאָר איין געזונטן צאָן.
דו האָסט אַ מאָל מײַן יוגנט אויסגעצירט מיט פליגל,
און ליד דײַנס האָט געקניפּט זיך תמיד מיט מײַן ווילזײַן —
וויל איך דיך אָפּהיטן אַ זוניקע, אַ יונגע אין מײַן אויבנאָן.

איך שמועס אָפּט מיט דיר

איך שמועס אָפּט מיט דיר, ווײַל ס׳איז ניטאָ מיט װעמען נאָך צו ריידן,
און אָפּט, גאָר אָפּט איך רייד צו זיך אַליין,
איך קען אַלץ בשום אופן ניט פאַרשטיין
ניט זיך, ניט דיך, ניט גאָר דײַן גרויסע וועלט אין סודות.

דו זעסט דאָך — כ׳בין אַ מילגרוים, אָנגעפּיקעוועט מיט האַרבע שאלות,
און יעדערע פון מיר מאָנט אַ באַשייד.
נאָר ווער בין איך? אַן אַטאָם אויף אַ קייט?
און אפשר גאָר אַ פּענעצל פון דיר? דער מיטלסטער פון זיילן?

מיין וואָרט

אַן איַינגעצויגענע ספּרוזשינע היט פאַרטייַעט אָפּ אַ כוח,
ניט אונטערטעניק דעם מעת־לעתן־לויף און צייַט־סימנים;
נאָר ס׳הערט ניט אויף פון איר צו דראָען די סכנה
פון אַ צעזוען אַ בליציקן, אַזוי עכט,
ווי אין דער ערשטער רגע פון פאַרפּרעסן,
כל זמן ניט אָפּגעטאָן האָט זשאַווער איר דעם לעצטן חסד.

דער נדר פון מיין לאַנגן, לאַנגן שווייַגן האָט מייַן לשון
ניט פאַרשטאַמלט,
מיך ניט אַנטוווינט פון קוואַל, מייַן יוגנט וואָס געגערט האָט;
די שייַן פון שבת־ליכט אין בין־השמשות
אויף תפילהדיקע הענט מייַן מאַמעס,
ביז הייַנט קלעמט אוים אין מיר אַ בענקשאַפט אַ פאַרטרערטע.
מייַן אויג, וואָס האָט אַזוי פיל צער און אומעט אויסגעטרונקען,
אַזוי פיל לייד פאַרווייַסט מיט אַ כזית פרייד,
איז פון קיין גלייַכגילט ניט געליימט,
און קען נאָך אַלץ קיין עוולה ניט אַרומגיין.

האָט אויפגעפלאַצט מייַן וואָרט ספּרוזשיניש־איינגעצויגענער
און שפּאַרט מיט האַסט פון אַלע פאָרן פון מייַן שטומעניש —
אַ לאַווע —
מיט ניט געשטילטן דורשט, און מיט התלהבות —
ערב ובוקר —
און מוז דערזאָגן דאָס, וואָס ניט געזאָגט,
דעריאָגן, — וואָס נאָך ניט דעריאָגט,

זײַן ליד פֿאַרקלאַמערטן — מיט כּפֿל־כּפֿלונג זינגען,
מיט פֿלאַמיק מויל, וואָס גרייט איז אויסצוקושן יעדע רגע,
וואָס איז אין קינדער־שמייכל אײַנגעריגלט,
אַ יעדן טוייִק גרעזל, וואָס באַבשׂמימט אונדזער געגנט.

פֿאַרכּישופֿט פֿון דײַן ערנסט און דײַן שמייכל

אַ. סוצקעווער

...און כאַטש מיר בײדע האָבן פֿון איין קוואַל געטרונקען,
און ווילנער שטייגער האָט געטאָניקט בײדנס גאַנג,
און ניט איין אָדע כ׳האָב אין נעכט דיר אויסגעזונגען —
דאָך האָב איך קיין מאָל זיך ניט נאָכגעגעבן דעם פֿאַרלאַנג
פֿאַרצייכנען שוואַרץ-אויף-ווײַס דעם ניגון,
וואָס ס׳שפּילן אוים די בלוטן אין מײַן סטרונען-היכל,
פֿאַרכּישופֿט פֿון דײַן ערנסט און דײַן שמייכל,
און פֿון דײַן „זינגעווייד" אין קאָסמישן צוזאַמענקלאַנג,
וואָס כ׳האָב דערוויינט און אויסגעשוויגן.

כ׳האָב קיין מאָל ניט פֿאַרזוכט קיין רו בײַם לייענען דײַן ליד.
עס האָט מיך תּמיד אָנגערעגט דײַן אומגעריכטער טראָף,
דער חלפֿדיקער שניט פֿון סובלימירטער שפּירונג
מיט חותם פֿונעם ערשטן קלאַנג-און-שטראַל-באַשאַף.
אָ, וויפֿל מאָל האָב איך געגאַפֿט
און זיך געפֿילט פֿאַרקליינט, פֿאַרפֿאַלן,
פֿאַרשיכּורט פֿון דײַן זילבערדיקן ריטעם און זיין האָפֿערדיקן דראַנג,
וואָס אויך אין שלאָף כ׳פֿאַרנעם נאָך זײַן וויברירן.
ביז ווייטאָג און ביז באַנג
פֿון לעצטער שקיעה מיט פֿאַרטרערטע שטראַלן,
דו, צויבערער און שפּאַלטער פֿון וואָקאַלן!

אַ האַרץ

אַ האַרץ אַן איבערפולטס אַריבער אַלע תהומען
קען אין אַ תפילה זיך פאַרגיין
אַפילו אין אַ קלויז, וואָס גאָט האָט זי פאַרלאָזט,
אַפילו אויך ווען ס'האָט אַליין פאַרגעסן לאַנג צו אים דעם וועג.
עס קען דאָס שווייַגן, וואָס אין זייַנע טיפן האָט אַ מאָל זיך
איינגעזונגען
ניט איינגעמען דעם ניגון דעם צעשאָקלטן ביז שטורעם, ביז אַ קראַך
אין שטייגן פון חלומות — העכער, העכער נאָך פון יעקבס לייטער,
און פאַלן טיפער, טיפער נאָך פון קורח מיט זיין עדה.

ווי לאַנג קען אַזאַ האַרץ זייַן שווייַגן זויגן, ווי אַ בער זייַן לאַפּע?
און ווער פאַרנעמען וועט דעם גוואַלד פון אָנגעשפּאַנטער דממה?
אַז שולדיק איז עס נאָר מיט דעם,
וואָס אָנגעשטימט האָט עמעץ אים מימאָזעדיק
פון זייַן געבוירן
און וואָס ער האָט אין שפּייַכלער זייַנעם ניט פאַרמאַכט
קיין טיר, קיין פענצטער
געבליבן ביז ער איז אַליין אָן ברויט, אָן זאַלץ.

נאָר כאָטש עס זייַנען אויסגעביינערט שוין די הענט,
טרעפט, אַז אַ האַרץ אַזאַ נאָך טראָגט אַ ניצוץ פון אמונה אין די ציין
און קלעטערט איבער ברוכוואַרג פון היכלות איינגעשפּאַרט פאָרויס,
און מיינט געפינען נאָך אַן אָרון־קודש פאַר אַ תפילה זכה.

איך בין דיך מקנא

צו הדסה רובין

טוסט אָן אויפֿן האַלדז זיך אַ שנירעלע קרעלן,
וואָס האָסט זיך פֿון וויעסנע געמאַכט,
און קוקסט ווי דער ווינט טאַנצט מיט שפּרענקעלעך העלע
אַ טאַנגאָ אויף גראָזיקער פֿלאַך.

איך בין דיך מקנא, וואָס דו קענסט נאָך פֿלעכטן,
וואָס ס׳שנירל דײַנס איז אָן אַ קנופּ;
וואָס קענסט איבערשפּרײַזן אויף חרובע געכטנס
צעשפּאָלטענע נעכט אין דײַן שטוב.

אויך איך וואָלט נאָך קענען צו רוימען אַ שפּרונג טאָן
און רײַטן אויף וואָלקנס פֿאַרוווירט;
צוזאַם מיט די פֿייגל אַ פֿלי טאָן צעזונגען,
ווען ס׳קלאַפּט אָן פֿרימאָרגן אין טיר.

אַזוי פֿיל נאָך ניט אויסגעצײַטיקע וויעסנעס
עס יוירן אין בלוטן געצוימט,
און סעדער מיט בלומען דורכווים, דורך מעת-לעתן
באַגלייטן מײַן אויג אין געטרוים.

נאָר פּרוּוו איך פֿאַרהייבן די פֿליגל צום פֿלִיען
ווען ברוסט ווערט פֿון שירה צעשפּאַרט,
ווי פּלוצלונג לעשט ווער אוים מײַן ליכטיקע ראיה
פֿאַרפֿרוירן מײַן טרוים ווערט, פֿאַרקוואַרט.

זאָל אויפשיינען אַ חסד־שעה

לאָז זיצן מיר נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן
אין פּיצל ווינקל, וווּ מײַן קאָפּ האָט רו געפונען
נאָך וואָגל אָנגעלאָדענעם מיט שנאה און אַכזריות.

לאָז בלייבן מיר ביז לעצט אין מײַנע דלת אַמות —
דײַן צוזאָג־היים — פאַרשפּראָכן האָסט אַ מאָל די אָבות —
און יעדן שבת האָט אין תחינה אים דערמאָנט מײַן מאַמע.

כ׳בין קיין מאָל ניט געווען פאַרבענקט נאָך שטרעקעס, לענדער,
כאָטש ס׳האָט מײַן עבר זיך געריסן פון דעם תחום פאַרקלעמטן
נאָר ניט געוווּנקען האָט צו מיר די עצם ווײַט־לעגענדע.

גענוג פאַר מיר דער קרײַז, וואָס צוגעטיילט דעם מענטש איז.
כ׳בין אָסור ניט מקנא דיר די בלעטער, פעלדער, הימל.
נאָר לאָז מיר נאָך מײַן וואַרמעס מיט אַן עדה יידן בענטשן.

ניט חוני המעגל, ניט אַליין. מײַן אומעט־ניגון,
אַפילו ער מוז האָבן ערגעץ־וווּ אַן אויער פאַר זײַן תפילה;
לאָז קינדערלעך זיך שפּילן אונטער מײַנע שירה־פליגל.

און אויסהעלן איעדן שאָטן־ווײ פון מײַן זכרונס פּרקים;
ס׳זאָל אויפשײַנען פאַר מיר אַ שטראַלנדיקע חסד־שעה,
כ׳זאָל קענען אָטעמען מיט אַלע זונען פון מײַן דאָקייט.

ביים שפיגל

נאָכן איבערלייענען א. שלאָנסקיס „מול הראי"

כאָטש אַלע טאָג בײַם שפּיגל כ׳מאַך מײַן טואַלעט,
איך זע אין אים בלויז באָרד וואָס בעט זיך אָפּראַזירן.
דעם עצם פּנים האָב איך לאַנג געגעבן שוין אַ גט
און ס׳איז מײַן אויג פון זײַן פאַרוויסטעניש באַשירעמט.

נאָר הײַנט האָט מיר דער גרויסער זינגער צוגעדינט
מיט ווייטיקלעכער פילאָזאָפיע זײַנער קעגן שפּיגל,
און ס׳האָט דער נייגער זיך צעפײַערט ווי אַ היאַצינט —
צי מײַן בליק אויך פאַרהיטן האָט זײַן יוגנטלעכן ניגון?...

און אָט... פון גלאָז פאַלירטן מיר אַנטקעגן —
אַ קאָפּ באַשנייט, באַברילט, צעקאַרבט,
און קוקט אויף מיר אַ ביסל שעמעוודיק פאַרלעגן,
ווי פון אַ שוואַכקייט וואָלט ער זײַן אַ לעבן לאַנג באַנומען,
און דאָ געפּאַקט האָט אים אַ שפּאָטיש אויג, אַ האַרבס,
כאָטש אויסגעהיט ער האָט מיט אייפער זיך פון בעלי־מומים...

נישט קענטלעך דער פאַרשוין, נאָר אייגן די סימנים,
וואָס וואָגל האָט פאַרשפּינט בשפע אויף זײַן הויט
אַנטפליגלטע אמונות, דער וויי פון פוסטע טראָנען,
געפעלשט, ווײַזט אויס, געווען איז אָפט זײַן היימיש ברויט...

און אפשר טראַכט ער ווען מיר געניי וואָס איך פון אים
און טרויערט שטיל וואָס בלוי ווערט גרוי אין מײַנע לידער?
ער וויים — אויך איך שעם זיך, וואָס טרוים פון לויטערן באַגין
האָט נאָך נישט אָפּגעלאָזן מיך אין וועלט פון בגידה...

אפשר...

און אפשר דײַן זוכן חברותא כסדר
איז ניט ווײַל דו קווענקסט פון דער פקחות פון שכן,
דער חן וואָס באַשטראַלט זײַנע מעשים, די רייד און
דער גלאַנץ פון זײַן וואַרעמער חיים, —
נאָר ווײַל אין געשטרויכלטן גאַנג נאָך אַ זין אויף אַזוי פיל שוין דרכים

פאַרמיטן דײַן שוועל האָט בטחון,
און פשוט — האָסט מורא צו בלײַבן אַליין.

האָסט מורא צו בלײַבן אַליין —
אַליין אינעם וואָגל פון נעכט דיר באַשערטן,
ווען ס'שלאָגט אָפּ דײַן קרעכץ נאָר אין אייגענעם אויער
און פחד פאַראָדערט דײַן האַרץ, וואָס פאַרהערט איז
אין קריץ פון די ווײַזערס אויף נאַקעטן רוקן,
וואָס פליקן דורכויס, בהתמדה, דײַן קורצינקן דויער
און פעדערן דאַרפסטו זיך אפשר
די לעצטע דערזאָגן שוין פסוקים.

און ס'וואַקסט און צעוואַקסט זיך פאַרשפּיזלט אַ ווייטאָג,
אַ בענקשאַפט נאָך אַלץ וואָס איז דאָ, וואָס וועט זײַן נאָך,
אַפילו נאָך קייטן,
וואָס האָבן דײַן לײַב אויסגעוווּנדיקט, פאַרפּײַניקט,
און לויפסט פון דײַן עלנט, וואָס ענג אים דײַן אייגענע היים;
פון אונטערשטער שורה,
אין פחד צו בלײַבן אָן איינזאַמער דאָרן, אַליין;
אַהין, ווו ס'קען זײַן,
עס טליִעט אַ פונק נאָך פון בשורה.

אַהינטער די קראַטן

רבונו של עולם!
דאָס קאַפּעטשקע שכל, וואָס דו האָסט דײַן אָפּבילד באַטיילט,
געוואָרן איז חלף אין לאַפּע פון גולם,
און ווו נאָר עס פאַלט זײַן גבריל, ווי פון פינצטערער הייל,
דאָרט ציטערן טײַבעלעך שירה צו זאָגן צום נײַעם באַגין
און ס'הילט אײַן דײַן גאָרער באַשאַף זיך אין אַ ליקוי־חמה,
אין וויי און אין ווינד,
און ס'זוכן אַרום דיך אומזיסט דײַנע טרײַע כוהנים.

דעם מילבעלע מענטש, אָ, אָבינו מלכנו,
פּאַרפּייניקן קשיות זײַן אָטעם, זײַן טאָג און זײַן נאַכט.
נאָר דו האָסט דײַן פּנים באַהאַלטן במרומים,
דײַן אויער צום אייביקן שבח,
וואָס ס'זינגען מלאכים מיט פליגל־געפלאַטער כאָראַל,
און הערסט ניט די תפילה לעני כי יעטוף,
אַהינטער די קראַטן —
זײַן גוואַלד.

למנצח

פאַר חיים גראַדע

פון וואָס און פון וואַנען
האָט פּלוצלונג אויף מײַן שטערנדיקער דממה
אָנגעוויים אַ שאַרפע קלעמונג,
אַ מאַנאָטאָנע?
איך פּרוּוו פאַרשטיין — נאָר האָב ניט קיין שום אָנונג —
דעם תוך אירן, דעם מיין, באַנעמען,
דערגיין איר נאָמען,
אין קורצע שורות — מײַנע אייביקע כלי־זין —
אײַננעמען דעם פײַער.

אומזיסט מײַן מי. אַ בלינדער זוכט מיט אַ לאַמטערן.
גיי איך געפינען טרייסט אין פרעמדע לידער —
פון קינדערווייז אָן מײַן אויסגעפּרוּווטער דרך,
אויף פרעמדע אייגענע, ווען איך פאַרליר די שליטה
אין זיי מײַן אומרו צו פאַרדײַען —
נאָר ס'איז מיין קאָפּ אַנטזינט און אויגן אָן אַ חלום.
ס'דערגייט צו מיר אַפילו ניט די חכמה פון דעם זאָגער,
זײַן הלמאַי און זײַן מאַין,
וואָס רופט זיך תמיד אָפּ אין מיר מיט ווידערקולן,
אין טעג פון חן, אין נעכט פון וואָגל,
זײַן געסקאַנדירטער לאַוּוע־לשון,
מיט פלאַקער פון סלאַבאָדקע און פון ראַדן,
און אומעט פון זײַן מאַמעס כשרע שבתים —
דער זײַל פון שירה חיים גראַדע.

קרייזלען זיך די אותיעלעך פון אַלף־בית אין איינעם,
די קעסטעלעך פירקאַנטיקע, באַשיידענע,
מיט אַלע זיבן חנען,
מיט תמימותדיקע תכליתן, יענוועלטיקע, גן־עדנע,
נאָך פון דעם זיידנס און דער באָבעס פרומע היימען,
און בעטן זיך מיט רחמימדיקע בליקן
און מיט אַ ברוגזל פון אַ בן־יחיד אַ ינוקא,
איך זאָל פאַררינגלען זיי מיט תחינהדיקן ניגון
אין תהילימדיקע פסוקים.

בין איך מקנא דעם, וואָס קען פאַרגיין זיך אין אַ תפילה
מיט נוסח אייגענעם ווען ס׳האַרץ ווערט אָנגעזאָליעט,
מיט טרערן אָפּשווענקען די שווערסטע טרויער־ברילעס,
ווי ס׳זונט אַ קינד אויס מיט אַ שמייכל זײַן יללה.
נאָר מיר טוט וווּנדיק ווייַ און באַנג,
וואָס כ׳קען ניט צוטוליען די אותיעלעך, די קינדער,
פאַרוועבן זיך צוזאַמען אין איין גלײַכן פאַרלאַנג,
זיך מיט זיי פאַרפלעכטן בינדיק,
מיט מאַרך און ביין, מיט אַלע פאָרן פון מײַן בענקען,
וואָס גייט נאָך ווי אַ שאָטן מיין אַליין־גיין
און זיך פאַרקניפּן מיטן לעצטן אָטעם פון מײַן כוח
אין אַ שבת־בין־השמשותדיקן למנצח.

אַלײן

װי ליגט זיך אױס אַלײן?
צי שטאָליק־שטײַף, פֿאַרשטײניקט װי אַ שטײן?
צי װי אַ טיף פֿאַרשטיקט געװײן,
װאָס צו קײן אױער װעט עס קײן מאָל ניט דערגײן
און קײנעמס האַרץ װעט ניט פֿאַרשטײן?
צי װי אַ קריץ פֿון בלוטנדיקע צײן,
װאָס שרײַט אין שטומקײַט אױס דער װעלט זײַן „נײן"?
איך װײס ניט, װי עס ליגט זיך אױס אַלײן.
נאָר כ'בין אַלײן, אַלײן,
און װי אַן אַטאָם קלײן,
פֿאַרקלײנט.
אַ קערנדל פֿאַרטראָגן פֿון זײַן הײם.
איז דאָס פֿון לעבן גאָר דער מײן —
דו אין זיך אַלײן?

שקיעות

ש ק י ע ו ת

שקיעות, שקיעות.
געבראַזג פון פיעדעסטאַלן.
קיין נײַער אָנוֹכי ניטאָ.
מאַין?
פאַרפאַלן? אַלץ פאַרפאַלן?
אַז ווי געשטערנט האָט דאָס האַרץ פון וועלט —
אַ שוואַרצע פעטליע וואַלקנט זיך אין ווינט.
שוין אָפּגעפליקט די לעצטע לאַטע פון דעם „ואהבת״,
און ס׳וואַלגערט זיך דער צניעות-גאַרטל
אין בלאָטע, בפרהסיא.
די דממה ווערט אַלץ קלעפיקער, געדיכטער.
און דו,
שוין הייזעריק פון דײַנע שטומע גוואַלדן,
בלײַבסט שטיין אַ נאַקעטער אין אַלע בייזע שלאַקן,
און האָסט קיין עצה ניט,
ווי אָנטאָן זיך מיט ציין און מעסער...
נאָר אָן רצועות,
פאַלט אָפּ די האַנט,
וואָס האָט פאַרקריצט אויף רויטער פאָן
אַ בלויען „הללויה״.

פאַר וועלכע זינד?

שוין אָפּגעוויינט,
געהעשעט ווי אַ קינד — די מאַמע האָט פאַרלאָרן אים
אין סאַמע מיטן מאַרק —
און האָט שוין מער קיין כוח ניט
דעם כליפּ דעם אייגענעם אַרויסהאַקן פון קעל,
פון איר געוואַרג.

אַ גרויער קנויל,
און מײַן געלעגער — צער פאַרשטיינערטער אין גליווערדיקן גלי
און שטומקייט פון אַן אויסגערויבטער נעסט.
נאָר ס'קליאַוועט נאָך אַ פונק אין דעם געליימטן גוף
און זוכט אַ תשובה פון זײַן גאָט
אויף איינע פון די קשיות וואָס פאַרפּײַניקט זײַן מעת-לעת:

צו וואָס אין שפּילכל פון באַשאַף,
ווען יעדער וואָרט דײַנער דעם בראשית האָט געבוירן אויף דאָס נײַ
ניט אָפּגעשלאָסן האָסטו דײַן יצירה מיטן פינפטן זאָג?
צי האָט אין וואַלד דײַנעם פאַרפעלט פון קרבן דער געשריי?
און קנאַפּ געווען דער פחד איז פון שעפּעלע פאַר וואָלף?
צו וואָס דײַן אָדם-טאָג?! ...

דײַן זעקסטער נס,
וואָס מיט אַ פײַגנבלאַט פאַרדעקט אַ מאָל זײַן בושה האָט,
טרעט איצטער מוטער-נאַקעט, בפרהסיה, איבער בלומען אין באַגין
און ווי אַ האַרץ וואָס זינגט — פאַרגייט עס אין געוויין,

און ס'רוקט אַ חושך זיך אַראָפּ אַ קלעפּיקער, און שטיקט און שטיקט —

איז דאָס פון מענטש דער זין ?
מיַין גאָט ! פאַר וועלכע זינד ? !

עס טרעפט...

אין האַרבסטיקער, ווינטיקער נאַכט,
ווען ס'נאָדלט אַ רעגן
אויף וועלדער און וועגן,
אויף באַרג און אויף פליין,
ווען חושך מצרים באַוואַכט
אַ לעצטן אויך שײַן פון אַ שטערן,
און ס'ווילט זיך דאַן שילטן און פלוכן
די יאָרן,
וואָס זײַנען פאַרלאָרן
אין תוהו־ובוהו אין לערן —
דערשפּירסטו אין דער זאַווערוכע —
ס'קומט עמעץ צו גיין;
דערפילסטו אין ציטער פון אָטעם,
דײַן מאַמע נעמט אָן דיך בײַם האַנט
און פירט צו דײַן בעט דיך פאַמעלעך איזעך.
און ס'שליסט דײַנע אויגן אַ חלום
פון לויטערער שעה.
פאַרגעסטו פון בגידה די טעג
און שטאָקנאַכט פאַרוועבט זיך אין בלאָ.

שפּעטער האַרבסט

עס האָט שפּעטער האַרבסט צעקוואָלן זיך מיט זון,
און זיך פאַרקוקט —
אַריבער גרויער נעץ, וואָס האָט זײַן אַלץ און אומעטום
פאַרצוקט —
אויף ווײַטן, ווײַטן זומערטאָג,
וואָס חנדלט זין אַנטקעגן רעגנבויגן
מיט בעקעלעך פון בליִענדיקן מאָן,
מיט שטימען־גלעקעלעך — אַ וואַלדיקער פאַרמאָג,
מיט פוכיק־זאַנפטע ליפּעלעך אין טויען אָנגעטאָן,
ווי בגילופין וואָלט ער זײַן פון ווײַן,
וואָס גיסט זיך עמערוויז פון היי געקאָסעטן אין סטויגן,
פון לינדן ווינטל־שפּיל באַגין אין בלויען לײַן.

דער האַרבסט האָט אין דעם ווײַטנס שפּיל און ניגון
דעם יוגנטפּלי דעם אייגענעם דערקענט.
און ס'האָט אַ פּײַן פאַרקליבן שפּיניק זיך אין האַרצן,
אין טרערן אויסגעבאָדן זײַנע וויִעס,
זײַן קעל פאַרריגלט,
און צייניק־ציטערדיק צעצאַפּלט זיך זײַן אַלצלאָז,
ווען ער,
אַנטפליגלט פאַר דער תליה,
אַנטפּלעקט פון זײַן דעם הבל־תמצית.

לייז אויס מיך

אַזוי אומעטיק לייגט זיך דער אָוונט אויף מיר,
הײַנט שווערער ווי תמיד ז׳דער הימל פאַרקאָוועט.
איך קען ניט געפינען דעם וועג צו מײַן אייגענער טיר,
כ׳ווייס אויך ניט דעם וועג צו דעם כסא הכבוד.

כ׳דערקען ניט דאָס אָרט, ווי אַ מענטש פון ניט הי
פאַרבלאָנדזשעט אין פרעמדשטאָט, פאַרלירט זײַן בטחון.
ווו נעמט מען די רו פאַר געבראָכענע קני,
אַ שבת, כאָטש איינעם, פאַר מײַן אונדערוואָכן?

ערשט נעכטן דערגאַנגען צו זײַטיקן שטעג,
צו סטאַנציע, ווו גערן כ׳וואָלט וועלן אויסשטײַגן.
אין בלוטן געאָנט כ׳האָב אַ רויִקן ברעג,
ווו ס׳רײַפט אויס אַ שמייכל אין גינציקן שווײַגן.

געפלויגן, געלאָפן, געגאַנגען פאַרווירט,
מיט דויער פון וועגן געוואָקסן די ספקות.
איך שטיי ביי אַ גאָרטן, וואָס האָט ניט קיין טיר,
מיט גרינעם געצווײַג הינטער שטאָלענע רייקעס.

איך שטיי אַ פאַרלאָרענער, וואָס זאָל איך טאָן?
צו שוואַך בין איך אָנהייבן דאָוונען פון פאָרנט;
פאַרשפּילט איז דער לעצטער, דער לעצטער שוין קאָן,
איך ליג אויפן ברוק — אַ פאַרטריקנטער דאָרן.

פֿאַרנעפּלט דאָס אויג און פֿאַרשטשעמעט דאָס מויל,
מײַן האַרץ ראָוועט אויס אין דער שטיל אַלע לאָוון,
וואָס האָבן די לופּט מיר פֿאַרהאָנגען מיט גרויל.
צי דען נאָר אויף פֿײַן האָסטו, גאָט, מיך באַשאַפֿן?

נאָר אויב ס׳איז באַשערט מיר אין נאַקעטען פֿעלד
צו בלאָנקען אַ לעבן אין פֿלאָנטער פֿון יאָרן,
טאַ העלף מיר, מיין בורא, איך בין ניט קיין העלד —
לייז אויס מיך פֿון נעכטן און פֿון מײַן זכרון.

ניט אַליין

איך בין געגאַנגען ניט אַליין,
אָ, ניט אַליין,
נאָר יאָרן לאַנג געשלעפּט מיין פּעקל מיט,
מיין פּעקל מיט,
און אָנגעטראָפן תמיד כ׳האָב אַ הארטן שטיין
פאַר מײַן געביין,
און אין אַ וויי פאַרגאַנגען איז מיין ליד.

איך האָב געזוכט אַ גרינעם ברעג,
אַ גרינעם ברעג,
אַ הארץ וואָס זאָל פאַרטרויען מיר — „איך האָב דיך האָלט,
איך האָב דיך האָלט״,
אַ שטילן סאַמעטענעם קול,
אַ סאַמעטענעם קול,
צו אָנניזשען אויף אים דאָרט מײַנע טעג.
נאָר תמיד כ׳בין געפאַלן אין אַ וויסטן העק.

נאָר דווקא אין מײַן הארבסט,
אין טיפן הארבסט
צעפלאַקערט זיך מײַן הימל אָפט אין צונטער־רויטע שקיעות,
אין צונטער־רויטע שקיעות,
און איך פאַרברען אין זיי פון מײַנע זאָרגן גאָר דעם גאַרב,
אָ, גאָר דעם גאַרב,
איז מיט אַ טרער פאַרלויפן מײַנע וויִעם —
ווײַל ס׳טליִעט אוים מיט זיי אין איינעם אויך מײַן יוגנט־פאַרב.

אָ, גאָט דערבאַרעמדיקער, ס׳לעבן איז מיר נאָך ניט מיאוס!...

כ׳גיס אויס פאַר דיר מיין ווײ

איך רייד צו דיר, מײַן גאָט, און הער ניט אויף צו ריידן,
און פון אַ תהום דער קוואַל פון מײַנע שאלות,
הגם אויף אַלע קשיות — גוואַלדריסן פון האַרצן —
מיר ענטפערט אָפּ אַ קעלט פון פוסטע האַלעס.

מײַן שכנס תפילה פאַר־זיך, פאַר זײַן אייגן שטיבל,
אַ קורצע תפילת־יחיד אינעם סידור;
ער דאַרף קיין מנין ניט, אַ שעה פאַר זײַן אין איינעם.
און איך מוז אָמן אויסזינגען בציבור.

מײַן טאַטע ז״ל געווען איז איינזאַם אין זײַן חדר,
האָט ער זײַן אומעט אָפּגעטראָגן אין בית־מדרש
וווּ, האַרץ מיט האַרץ פאַרקניפּט, אין אייביקער התגלות,
האָט אויסגעוויינט אַ טרייסט דער ניגון פון דער סדרה.

נאָר איך וווּהין זאָל גיין? ווו איז אַן ארון־קודש?
און ווו אַ גאַנצער גליד איז נאָך דער זאַווערוכע?
ווען אין מײַן היכל מיט נאָך זשיפּענדיקע טרוימען
פאַרשוועכט זײַנען געוואָרן אויך די לעצטע לוחות?

און ווײַל מײַן קאָפּ שטייט אויס דעם זין פון הכל הבל —
פאַרלוירן כ׳זוך אַרום דיך, גאָט, מיט אויגן פײַכטע;
כ׳גיס אויס פאַר דיר מײַן ווײ, דעם ווײ־דורשט נאָך נקמה,
און דוכט זיך, ס׳ווערט מיר לײַכטער, לײַכטער...

נ אַ ק ע ט

מײן טאַטנס טראָט האָט קײן מאָל ניט געשטעלט זיך זיכער,
דערפאַר האָט ער געקוקט אין הימל מיט בטחון.
אָן אומרו האָט געװעקט אין אים אַ גױ אַ שיכור,
מיט גאָט פאַרקניפּט זײַן שבת און זײַן אינדערװאָכן.

זײַן זון געשמײכלט האָט צו בלױ און גרױ פון אױבן,
צו פלאַמיקן פאַרנאַכט, באַגינס פּאַסטעל־קאָלירן.
מיט האַרץ אָן איבערפולטס: זײַן גאַנג, געשפּאַנט מיט גלױבן,
װעט אױפפראַלן פאַר גאָרער װעלט פאַרשפּאַרטע טירן.

נאָר טראָפּנװײַז אױף אומװעגן איז אױסגערונען
זײַן טרױם פון אַ פּאַר אַלע שותּפותדיקן לשון,
און פון אַ גױ זײַן מאַמע האָט איר טױט באַקומען —
שטײט ער אַ נאַקעטער — אַ בױם פון בלעטער אָפּגעשאָסן...

אין שקיעה

ניט שווער איז טראַכטן וועגן הונגער ערגעץ־ווו,
ווען ס׳טראָגט אין שטוב אַ ריח זיך פון פרישן ברויט;
ווען ס׳שלאָגט דאָס האַרץ געמאָסטן, שטיַיף,
איז לייַכט צו קלערן מיט אַ שמייכל וועגן טויט.

נאָר כאָטש איך זע נאָך ניט דעם שאַרפן אָפּרים פון מיַין וועג,
שטייט דאָך דער פּחד הינטער טיר און לויערט,
און גיסט מיט שווערן ערנסט אָן מיַין טראָט,
און בלויער בליק ווערט גרויער, גרויער.

עס שפּילן בגילופין אויס פּאָעטן אין באַגין,
ווי פלאַטערלעך, דעם לופטיקן כדאַי־זיַין,
אין שקיעה אָבער זיי פאַרקלעמט אַ מורא פאַר דער נאַכט —
צי וועלן זיי דאָס אויסלייזליד נאָך אויסזינגען באַוויַיזן.

סוד און ניגון

עס טרעפט, אַז אַ שורה פון עמעצס אַ ליד
אַנטפּלעקט פאַר דיר וועלטן פון ווײַטן אַמאָל,
פון ווײַטן אַמאָל, וואָס ערשט נעכטן געשען איז
מיט דיר אין אַ גרינעם צעבלימלטן טאָל,
ווען האָסט ניט געפרעגט, צי ס'איז דעמס צי ס'איז יענעמס
דאָס מיידל, וואָס האָט זיך צעשמייכלט פאַרלעגן,
אַ פרעמדס, אָבער האָסט זי שוין האָלט,
און ס'האָט זיך צעזונגען מיט זונען דײַן קול,
און מוט האָט געשפּאַנט דײַנע הילכיקע טריט,
ווען דו ביסט געגאַן איר אַנטקעגן...

עס טרעפט, אַז אַ וואָרט, נאָר איין וואָרט,
פון אַן אומבאַקאַנט מויל,
פאַרוואָרפט דיך צוריק צום פאַרכישופטן קנויל,
ווו תמיד עס האָבן געגרינט דײַנע צווײַגן,
צו טעג און חדשים, געפּראָפּטע מיט שטײַגן
צו טורעמס פון בבל, צום אייביקן זײַן,
און שיפן מיט גלויבן געהיט האָט דײַן באָרט
צו שיקן זיי גרייט אין דער וועלט סתם אַרײַן...

עס טרעפט, אַז אַ קלאַנג,
איין קלאַנג נאָר, געפאַלן פון ווײַט,
ווען דעמער פאַרגייט אין אַ ווײַן-רויטער שקיעה,
דערמאָנט אַ קאַיאָר דיר אין ראָזן אומענד.
דערזעסט זיך — אַ קינד אויפן ראַנד פון דער צײַט —
פאַרגאַפט, מיט צענומענע הענט,

דאָס מויל אַ צעעפנטס, צעפּראַלט זײַנע וויִעס,
און קען ניט באַנעמען דעם סוד און דעם ניגון —
דעם סוד, וואָס פאַרוויקלט דאָ ראָזקייט אין בלוי,
וואָס רינט שטיל אין שווייַגן, זיך מיניעט אין טוי,
און ניגון,
דעם ניגון, וואָס ס'שפּילן אין בלוטן קאַפּעליעס ניט היגע,
באַנומען אין רזין פון בריאה.

למאי?

און מיר, גאָט, האָסטו צוגעטיילט אַ האַרץ,
און האַרץ מײַנעם אַן אויער,
וואָס הערט די פֿײַן פֿון בוים,
ווען ס׳רײַסט דער ווינט אַראָפּ פֿון אים אַ בלעטל,
דעם צער און ציטער
פֿון גראָז, אויף וועלכן כ׳פֿאַל אַנידער,
אין שעה אין שפּעטער,
עס זאָלן שלווה־פֿליגל אויסגלעטן מײַן פּנים.
נאָר, ווײ,
עס הערט ניט אויף פֿאַרטויבן מיך ס׳געשריי,
וואָס איז פֿאַרחתמעט אין דער דממה.
איז פֿרעג איך זיך און דיך — למאי?!
פֿאַר וואָס מוז איך דאָס אַ מעמבראַנע זײַן,
ווו ס׳מאַכט אַ רעש אַן אַ שטילע טרער,
אַ קרעכץ,
וואָס קלאַפּט אָן אין מײַן טיר?
אַז כ׳האָב קיין לשון ניט, ווי זײַן איך וואָלט אַ גר,
און אויסטענהן איך קען זיך ניט מיט דיר
ווי איוב, כביכול;
ווו זוכט מען אוים פֿון זײַנע רייד דעם קוואַל?
דרײַ פֿריינד מיט טרייסט און חכמה?
איז אפֿשר וועסטו זיך מטריח זײַן
אַדורכצובלעטערן מײַן האַרץ,
ווי האָסט אַ מאָל געטאָן מיט איובן דײַן קנעכט
און ער האָט סוף־כל־סוף

געניסן פון דײַן שמייכל נאָך געהאַט די זכיה?
ווער ווייסט, אָ, וויפל רגעם מיר איז נאָך באַשערט.
טאָ אײַל זיך צו כאַטש מיט אַ שטראַלעכל כי־טוב,
נאָך איידער כ׳טרעט אַרײַן אין מלכות שקיעה.

אַ טעות

געזעסן אַ מאָל איז אַ ייד אין אַ כּרך,
ערגעץ הויך אין אַ שאַלקע פון זיבעטן שטאָק.
דער שפּיגל הענגט קרום, פאַרשטויבט און פאַרלאָזט.
ניטאָ ווען אַ שווים טאָן צום חלום, וואָס טײַעט אין הארץ.
נאָר קוים האָט די נאַכט אַלע הימלען פאַרשאַרט,
געגרייט האָט דער ייד זיך צו חצות,
צו חצות מיטן אייגענעם ליד און געוויין,
אין זײַן טיפן אַליין.
פאַרהאַרכט אין געבייזער פון ווינט מיט רמ״ח —
ער האָט ניט קיין ווארעמען שוים ווו צו לייגן זײַן קאָפּ —
פון האָן, וואָס רײַסט קריעה אין דממה פון נאַכט
מיט אַ האַליק געשריי,
ווי אויסגעקלאָגט וואָלט ער פון עלנט דעם ווייי
פון זיבעטן שטאָק, וואָס פאַרגייט אין אַליין.

איז שווער אויפן רוקן געוואָרן פון עלנט די לאַסט.
האָט אים אין זײַן אָסיען געפלעט אַ געדאַנק,
אַז אפשר... אַ טעות...
דער בורא האָט דאָך
זײַן באַשאַף אויסגעשטאָט אַרום אַקס פון באַנאַנד —
אָן ער מיט אַ זי אין געצעלט —
פון קיום דער עיקר, דער תוך...

מיט ליכטל אין האַנט איז דער ייד צו צום שפּיגל.
געקוקט, ניט דערקענט.
דער בליק שטאַר — אָן פליגל.

געפאַלענע ווענט.
רבונו של עולם!
צי קלעקן וועט ס׳ליכטל מיר אָנהייבן זוכן אויף ס׳ניי
אַ צווייַגעלע מייַ?
ווער ווייסט, ווו דאָס טויעלע שייַן, וואָס פאַר מיר האָסט באַשערט,
איז פאַרוואָגלט?

געשאַרט אויף די טרעפ מיט געוואַקל אין טראָט,
דער ייד איז אַראָפּ
אַ גאַנצענעם שטאָק.
געגרויט האָט פון אונטן אַ שפּאַלט אין דער טיר.
און איידער צעפּירט ער האָט רעכט זייַנע הענט —
געפּלעט האָט אַ נאָענטער בליק אים מיט שרעק פון פאַרלענד:
„וואָס ביסטו געקומען מיט פליכיקן קאָפּ?"

פאַרלאָשן דאָס ליכטל — דער ייד זייַן באַשערטער דערקענט
אין ווייַס־גרויען צאָפּ.

נ י כ ט ע ר

ס'איז לײַכט דיר מוחל זײַן
די אַלע שטרויכלונגען פון מײַן געוואָגל,
ווײַל ניט דײַן הארץ פאַרזיגלט האָט מײַנע חטאים
באַגאַנגענע לגבי זיך אַליין בשגגה;
און קנאַפּ די טרייסט,
וואָס סוף־כל־סוף זיך אויסגעקלאָרט די ברילן
און ניכטער מײַנע שעהען.

ווײַל זיך אַליין
כ'בין קיין מאָל, קיין מאָל זיך ניט מוחל;
און גאָר דער האָרב פון מײַנע גרײַזן
צאַפּט ביז הײַנט נאָך אוים מײַן חיות,
הגם פאַרוואַקסן שוין פון לאַנג מיט מאָך איז
איעדער אויסגעדאַכטער שליאַך צום זיבעטן רקיע,
וווּ ס'האָבן מײַנע בלומיקע חלומות
קאָפּ און האַלדז געבראָכן...

איך לייג מײַן אויער צו צו דר'ערד
און הער —
זיי רופן איבער זיך די בר־מיננם
פון מײַנע זוניקע הקפות;
און דאָ —
עס רוקט זיך אָן די צוועלפטע שעה,
אָן ערי־מקלט,
און ניכטערקייט איז קאַלט, אָן פליגל...
זוך איך בײַ קוהלתן אַ טרייסט —
בײַ אָן אבל וואָס געווען איז כלומרשט קליגער...

ספקות

זיצט ער אַזוי פאַרגליווערט אינעם ספקות־עיגול
און קען ניט עפענען די ליפּן צו אַ תפילה,
און קען ניט נאָכזאָגן הבל־הבלים,
כאָטש אָפּגעשאָכטן ליגן די חלומות,
בײַ אָפּגעברענטע בריקן,
און ס׳פּײַפט דער ווינט עקשנותדיק
אל מלא...

אין פעלד —
ווו אויסגעהאַקט דער וואַלד מיט סודותדיקן זײַן און דויער —
אין פעלד אין נאַקעטן,
אין מיטן אינדערוואַכן,
פאַרבליבן ווי נאָך אַ לוויה איז אַ שטאַם אַ יתום,
פון צווײַגן אָפּגעבראָכן,
מיט פליכעוואַטן קאָפּ אין רוים צעשאָסענעם, צעפליקטן,
און האָרכט דעם שטומען גסיסה־ווײ
פון זײַנע ווײַסע, ווײַסע טויבן־טרוימען,
באַפליגלטע מיט פריידן,
וואָס ער געשיקט אַ מאָל
פון הענט, אין ציצית אײַנגעוויקלט,
און האַרץ,
געזאַלבטן מיט אברהם־אָבינוס טרער בײַ דער עקדה,
אין וועלט וואָס האָט געמיניעט בלוי,
ווען פאַר זײַן טיש דעם אייגענעם פאַרמאָגערטן,
געצוג געוועזן צו וויסן איז —
עס בינדט משיח איבער זײַנע ווונדן
אין ווײַטן, ווײַטן רוים...

זיצט ער אַזוי פֿאַרגליווערט אינעם ספֿקות־עיגול
און קען ניט עפֿענען די ליפּן צו אַ תּפֿילה,
און קען נאָך אַלץ ניט נאָכזאָגן הבל־הבלים,
כאָטש ס׳פֿלעטן נעכטנס אים דעם שאַרבן שטיינערדיק,
ווי סקילה,
און די באַגינענס אויפֿגעפּרעסן האָט דער מולך,
צוזאַמען מיטן הארץ,
וואָס אַלע טאָג געבוירן פֿלעגט עס ווערן אויף דאָס נײַ.
ער קען ניט, קען ניט נאָכזאָגן,
ניט צעקנײַענדיק דעם עיקר:
צום הכל הבל פּאַסט דאָך ניט דער צושטעל בראשית!
איז מוזן דאָך נאָך וואַרטן ערגעץ־ווו די ערי־מיקלט!...

רבונו של עולם!
בין איך פֿאַר אים מתפּלל אויסגעוויינט אין טרערן —
פֿון דײַנע זיבן הימלען באַרג אים אויס אַ פֿענעצל
בײַ דער נעילה פֿון זײַן דרך,
פֿון דײַנע טויערן פֿון רחמים שענק אים אַ מזוזה
פֿאַר זײַן טיר,
זײַן זיקנה היט פֿון פֿויזען אויס אויף אַלע פֿיר...

בגוואַלד

רבונו של עולם!
איך האַלט זיך אָן אַלץ וואָס פאַרבונדן עס איז מיט דיַין נאָמען
מיט לעצט-לעצטע כוחות,
און ס׳קליאָוועט שוין קוים אויפן דנאָ פונעם האַרץ און נשמה
אָן אָדער פון מצוות,
וואָס כ׳האָב זיי געטוליעט אַהינטער אַ בלויען פרוכת
מיט זעלישן ניגון פון אחרית-הימים;
אין זיי האָט מיַין טרייסט זיך געשטאַלטיקט פאַר יאָרן פון קצבה,
פאַר יורשים אין זיי — מיַין צוואה.

נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט מיַין נאַקעטן שאַרבן,
וואָס ווי נאָר אַ זעץ אים צעטרייסלט,
רופט אָפּ זיך אין אויער אַ גוואַלדרים — אַ גרילצרים פון קראָען —
און ס׳נעמען זיך לעשן די שטערן פון מיַין אָרון-קודש,
און ווערטער — געזאַלבטע מיט הימלשע פאַרבן,
ווערטער — טליתים,
עס פאַלן אַרוים איינס נאָך איינס פון מיַין אורים ותומים —
צעשאָטענע צויטן —
און כ׳קען אין מיַין לשון זיי מער ניט דערמאָנען,
וויַיל כ׳האָב שוין פאַרגעסן כמעט זייער נאָמען.

פאַרגיי איך פאַרשעמט אין אַ שוויַיגן אַ שטומען,
מיט חנק אין האַלדז
אַזש כ׳ווער באַלד דערוואָרגן,
און ס׳גלוסט זיך מיר וואָיען, פון פיַין דורכגעאָדערט,
מיט אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט —

אַ פֿאַרוווּנדיקטע חיה אין וואַלד:
ווי קען מען דערגיין צום משיחישן מאָרגן,
ווען ס'טריקענען איַין אַלע קוואַלן פֿון גוטס,
וואָס האָבן געכאָוועט דאָס פּיצעלע מענטש אינעם אָדם?!
ווען אָן ואהבת און אָן די עשׂרת־הדיברות,
אָן אחרית־הימים־געוועב
פֿאַר יחיד און ציבור,
אָן זיידענעם חלום פֿון לאַנקעס צעבליטע
פֿאַר וואָלף און פֿאַר שעפּס,
אָן טויִקע תּפֿילות פֿאַר מדבּרשן גומען —
איז כּרת אָן ווידוי,
איז טומאה!

רבונו של עולם!
צי דען איז באַשערט מיר בײַם ראַנד פֿון מײַן ווינטער
די תּהומיקע בלויזן פֿאַרשטאָפּן מיט גאַל?
פֿאַרכלינעט פֿון דורשט נאָך נקמה,
כ'זאָל אײַנשפּאַנען מוזן מײַן מאָרגן דעם בלינדן
און צאַפּל־הײַנט,
ביידן צוזאַמען,
בגוואַלד,
אין רײַטוואָגן פֿון סקאָרפּיאָנען?
אין האַרץ פֿון מײַן חלום אַז רײַסן כ'זאָל קריעה?
און שטאָט די עץ־חיימס כ'זאָל שלײַפֿן די נעגל
אין גיפֿט אויסגעסמאַליעט?
און דאָס־אָ זאָל זײַן מײַן פֿאַרמעגן?
מײַן סיום?

פראָסט-פּשוט — אַ תליון?
אַ טמא?!...
רבונו של עולם!
צי דען וועסטו קענען מיר ענטפערן אמן?...

אונדזער שבועה

עס איז ניטאָ פֿאַר משהלעך און חנהלעך קיין גואל,
פֿאַר זייער חן דעם כשרן, געהימלט אין די אויגן;
ניטאָ שוין מער די בלימעלעך מיט זייער חלום בלויען,
און זייער זכר — פֿון היטעלעך און שיכעלעך די סטויגן.

עס איז ניטאָ קיין טרייסט, פֿאַר מאַמעס וויסטע קיין משיח,
ביי אויסגערויבטער נעסט, אין דממה־גליווער איינגעקאָוועט,
און אויסגערונען זייער קול, די טענות — אַש, פֿאַראיובט:
פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס פֿאַרשפּעטיקט זיך צו אונדז דער
מלאך־המוות?

די טאַטעלעך, קרבנות ערשטע פֿון דער סיטרא אחרא
זיי וועלן ניט פֿאַרזוכן פֿון לויתן אין גן־עדן —
אומזיסט געקלאַפּט זיי האָבן אין דיין טויער, גאָט, נאָך רחמים,
סיי איינציקווייז, און סיי אין גאַנצע עדות.

דערפֿאַר פֿאַרלייגט דאָס האַרץ איז מיט אָנסופֿיקע בית־עלמינס,
און ניט פֿאַר אונדזער כוח איז אַזאַ ירושה טראָגן.
ווען זיינען מיר? ווער? אָפּצוכאָוועץ אייער אני מאמין?
ווער נאָכגיין קען פֿון למד־וואָוניקעס דעם וואָגן?...

געוועזן זיין איר דער סנה וואָס הערט ניט אויף צו ברענען,
דער סיני, וואָס צו סדום איז ניט דערגאַן זיין תורה,
און מיר, מיר זיינען קוים אַ ליכטל אין לאַמטערן
און טראָגן שווער דעם צייכן — עם קשה עורף...

נאָר די צוואה איַערע דערהאַרן דעם באַגינען —
איז ס'אויג אין קאָפּ, כאָטש ס'גייען אָפּ אין בלוט אונדזערע שקיעות;
אין איר מיר האָבן איַינגעשפּאַנט אי אייניקלעך, אי קינדער,
ס'איז אונדזער שבועה איַיך, כל זמן אונדזער געביין נאָך הי איז.

יאָרצייט

איך גיי נאָך אָפּט אין דײַנע געסעלעך, מײַן שטעטל,
און ס׳וויקלט מיך אַרום דײַן שטיגער ווי אַ טלית,
דער ברוק וואָס האָט געפירט צום מאַרק און שולהויף
בײַ מײַנע גרויע האָר איך שפּיר נאָך אַלץ ווי אַ התגלות.

די אויגן מײַנע קושן אויס איעדן גאַניק,
ווו בין־השמשות פלעגט זיך אויסזעצן משפּחה;
און טוי פון חסד האָט גענערט פאַרשמאַכטע מײַלער
און מיטגעשמועסט האָט אויף מאַמע־לשון די השגחה...

ביז הײַנט באַוועגן נאָך, אַ, יענע נעכטנס מײַנע ליפּן
און טרערן, קאַפּיק בלײַ, ווי שטיינער קײַקלען זיך פון וויִעס,
ווען כ׳מאָל זיך אויס — עס בענטשט מײַן מאַמע ליכט, פאַרשטעלט די אויגן
און פלעמעלעך מיט פרומקייט שמייכלען צו, מיט צניעות.

בײַם איך זיך אײַן מיט לעצטע ציין אין שאַרפן טרויער
און אײַער יאָרצייט, קדושים, קום איך אָפּריכטן בציבור,
פאַראַקערן אויף ס׳נײַ דעם יתום־וויי אין בלוטן
און קדיש זאָגן בײַ פאַרוואַקסענע שוין גריבער.

מײַן ברויט טונק איך אין אַש און זעץ זיך ווידער שבעה,
אין יעדן האַרץ וואָס קלאַפּט, פאַר אײַך זיך הייליקט אַ מצבה,
ווײַל אויסשעפּן וועט קען דעם ברונעם צער פון די יתומים,
וואָס קענען ניט געפינען אײַער קבר.

קדיש יתום

די וועלט אין מײַנע דלת אמות צער,
אַן פענצטער, אַן אַ שליסל.
דער זייגער שווײַגט, פאַרשטויבט.
די לעצטע שלאָכט אַוועק אין גסיסה.
קיין אָפּהילך פון אַ זיפץ.
און איך — אַ קדיש־יתום נאָך אַ לעצטן טרוים,
וואָס האָט אין סאַמע בלי פאַרוויסט.
נאָר אַן אַ מענטש — ניטאָ ווער וואַרטן זאָל אויפן משיח,
און אַן אַ מענטש —
דעם אָטעם אויסגעהויכט האָט אויך שוין גאָטס שליח,
איז ער אַוועק, דער כביכול, זיצן שבעה;
שטומט אויסגעהוילט אַן אים די דממה דקה.
נאָר מיט זײַן טרער צו חצות
אויף חורבן פונעם הר הבית,
טוט הײַנט אַ קאַפּע גלײַק נאָך אַ טרער אין כוס,
ממעמקים,
און ס'גאַרטלט אים אַרום אַ בלאַסע טרייסט־רצועה.
רבונו של עולם!
שענק אויך מיר אַ טרער אַזאַ אויף אַ רפואה...

איך קייקל זיך אין אַש...

צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע
סאָוועטיש־יידישע שרייבער

עס האָט באַוויינט אייך כל ישראל מיט אַ טיפן שוויַיגן,
נאָר יעדנס אויער האָט אַלץ איינס פאַרנומען דאָס געוואַלד.
די טרערן האָבן אָפּגעשווענקט, פאַרפלייצט דעם „ניט געדאַגהט".
וואָס האָט פון האַפּערדיקע שורות אַיַערע געשאַלט.

עס האָבן דיכטער, אַיַערע קאָלעגן, אַיַך אין קינות
מיט ווערטער יידישע און הייליקע פאַרקריצט.
און פויסטן בייַלן זיך פאַרקראַמפּט אין טעמפּלען און מאַלינעס,
אין יעדן לאַנד, ווו ס׳לעבן פון אַ יידן איז געשיצט.

נאָר דאָרט, ווו אַיַער שוויים גערונען איז געדיכט אויף רויערד,
ווו אַיַער יוגנטברויז האָט שטורמיש טיַיגעס אויסגעהאַקט,
האָט קיינער, ווי דאָס זאָל ניט אויסזען אומזיניק, קאַפּויער,
אַיַך קיין סאָסנאָוון פראָסטן ברעטל שטעלן ניט געוואַגט.

היַינט בין אין זיך מטהר און איך טונק זיך זיבן טבילות
נאָך איידער כ׳פּרווו פאַרצייכענען מיט טינט אויף וויַים פּאַפּיר
דעם פּיַין, דעם בלוטיקן וויכוח — אָ, ווי שאַרף איך פיל עס! —
וואָס טוט אין נעכט פאַרכליניען מיך און שלעפּט מיך צום פאַרליר.

אַ בלוטיקער וויכוח, יאָ. נאָר האָט ניט קיין פּאַראיבל,
איך שפּרייט זיך אויס פאַר אַיַער טראָט, פאַרוואַנדל זיך אין אַש;
עס האָט די קדושה אַיַערע אַ גאַנצן דור פאַרזיגלט,
נאָר טויט איז שוין דער מאַמין, דער גלייביקער בר־נש.

וואָס האָט געמיינט — איר שפּינט מיט פּליִים אַן אייגענעם פּרוכת,
און פֿאָדעם זײַנער ציט זיך אַזש פֿון ווײַטן סיני אָן,
און ס׳פֿאַלן צוימען צווישן מענטשן אָפּ, ווען נײַע כּוחות
מיט דעם פֿאָלק דעם נע-ונד אין איינעם שטעלן זיך אין קאָן.

און מיט מסירות-נפש, ווען אין הארצן האָט געוואָיעט,
דערכאַפּן פֿלעגן מיר אין האַלבער נאַכט אײַער געזאַנג;
געגלויבט — איר ט׳אויסגעבויט פֿאַר זיך אַן אוהל-מועד
און מיט בטחון שפּאַנט איר דאָרט אַ יידישלעכן גאַנג.

אויך איך בין יאָרן צענדליקער געווען בגילופֿין
פֿון אײַער אַני-מאַמין, כ׳שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט:
ער האָט די צענער טויזנטער פֿאַרשיכּורטע גערופֿן
פֿאַרשפּײַען יעדן וועג און שטעג, וואָס פֿירט צו אייגן לאַנד.

ווער ווייסט, ווען ניט דער ברען און טרוים, ווען ניט דער בלינדער
אייפֿער,
וואָס אייער האָפֿערדיקער זינגען האָט אין אונדז געוועקט,
צי וואָלטן קדושים, גאַנצע מחנות, פֿון דער שׂרפֿה,
מיט אונדזער ברכה, ניט דערגרייכט צום צוגעזאָגטן ברעג...

כ׳געדענק די נאַכט, אין אײַער לאַנד דערגאַן איז די ידיעה
צו מיר, אַ פּליט-חסיד — פֿון דעם גרויסן לער און נישט
פֿון היים און פֿאָלק, זײַן טויזנטיאָריקן געצילטן מיִען,
און שול און שולהויף, ווי גאָר קיין מאָל ניט געווען, פֿאַרוויסט.

איך האָב געקלאָגט, געהעשעט ביי דעם ראַדיאָ פֿון פֿאַרצווייפֿלונג.
פֿאַרעקשנט האָט מײַן בלײַבן לעבן אַ באַשייד געמאָנט;

און פלוצלונג כ׳האָב דערשפּירט מיט העלער שאַרפער כפלונג
די אָנגעשפּאַלטנקייט פון אײַער אָנגעשטעלטן טאָן.

פון שטאַם, ווו איר געוואַקסן זייט אין כלע ווינד-און-ווייען
געזויגן האָט איר דאָך פון אַלע גלותן דעם חשד:
ס׳האָט פײַנט די פרומע קאָץ די גוייִשע דעם פאָלק דעם גייער,
און דאָך — מיט האַרץ און אויג פאַרקוועטשטש — געלעבט האָט
איר אין טשאַד.

און אָפּגעהיט דעם כשר-טאָנץ יחידיש און בציבור
אפילו ווען ס׳האָט אײַער יידיש לשון לופּט פאַרפעלט,
און ניט דערגרייכט האָט אײַער קלאַנג צו יידישלעכע שטיבער,
און ס׳איז אַרײַן די דער אין אײַער יידישן געצעלט.

איך שרײַב און טענה, און איך קען ניט אײַנהאַלטן דאָס וויינען,
איך בין שוין הייזעריק פון שרײַען צו די הימלען — ניין!
אָן אײַך פאַרבליבן זײַנען מיר באַגזלטע יתומים,
ווען די ירושה איז פאַרפאַלן אין אַ פרעמדער היים.

די היים, וואָס האָט אין שליחות אײַך געשיקט צו שם-ועבר,
צו אײַער בלוט און פלייש נאָך בלוט און געלט פאַר סטאַלינגראַד,
און האָט אין טויבער נאַכט געגראָבן אײַך אַ קבר,
צו וועלכן ס׳פירט, אַ גאָט אין הימל, ניט קיין ברעקל סליאַד.

נאָר אײַער בלוט וועט אייביק פלאַקערן אויפן מזבח,
און דורות וועלן פּראַוועון חצות אין אָפּשײַן פון זײַן ליכט,
און איך — דעם זכר אײַערן אין מאַרך און לײַב פאַרנײי איך,
איך קײַקל זיך אין אַש און טו אויס מײַנע שיך...

כ׳וואָלט אויסגעזוכט נאָך בלויע שטראַלן

עס האָט מיר עמעצער געזאָגט, באַטראַכטנדיק מײַן דלאָניע.
ווען אויף מיין קאָפּ האָט זומער נאָך געפּלאַטערט,
אַז איבערלעבן איך וועל אַלע מײַנע שונאים
און אין אַן אייגן הויז וועט שטיין מיין טיש אַ זאַטער.

געזאָגט האָט דאָס אין ווילנע דער ישיבה־בחור,
אַן אָפּגעזונדערטער בײַ זיך אין חדרל, ווי אין אַ טורעם,
און ווען סימנים דרײַ אַפּריִער נאָך געטראָפֿן האָט ער —
געהאָרכט האָב איך, ווי כ׳וואָלט געהערט מפּי הגבורה.

נאָר שפּעטער זײַנען יאָרן ניט געציילטע אויסגערונען,
כאָטש אָפֿט איז נאַכט פֿאַר זיי פֿאַרגאַנגען אין אַ בעט פֿון סדום,
ווי קיינער ציילט די טראָפּנס ניט וואָס פֿאַלן אינעם ברונעם
פֿון עמער אָנגעשפּאַלטענעם, וואָס הענגט איבער זיין תהום.

און זעלטן, זעלטן פֿלעגט אַ פֿלעמל טאָן עלעגיש
אַ זכר פֿונעם קלאַנג פֿון דער פֿאַרגעסענער נבואה,
און דאַן — די גראָקייט, וואָס פֿאַרשפּרייט אויף מײַנע טעג איז,
האָט מיט אַ קרעכץ נאָך מער פֿאַרטיפֿט איר קרוע־בלוע...

און אָט איז האַרבסט. פֿאַרוואָלקנט. וווּ־ניט־וווּ אַ שטערן.
נאָר טרוקן איז דער האַרבסט און ניט געשטילט מײַן דורשט איז.
און שונאים ניט געפֿינען כ׳וועל אַפֿילו מיט לאַמטערנעס,
ס׳איז גרייט מײַן טיש מיט ברויט און אַלעם גוטן.

איז אַ פֿאַרדרוס פֿאַר וואָס דער זעער האָט מיר ניט פֿאַרשפּראָכן
פֿאַר עלנט־ניגון מיינעם אַ געטרייען אויער.
כ׳וואָלט אויסגעזוכט נאָך בלויע שטראַלן אין מײַן אינדערוואָכן
און אויסגעזונט אין זיי מײַן ליד, כאָטש ווינטער קלאַפּט אין טויער.

גענואַקל

ג ע ו ו אַ ק ל

איך ווייס ניט ווי אַזוי,
איך האָב געטראָפן זיך — איך שטיי און גאַף אויף דער לבנה,
אין איר פאַרמעסט מיט כמאַרעס אויפגעברוייזטע,
וואָס האָבן זי געפירט קאַסטראַי,
און איר געראַנגל אָן אַ נאָמען.

אויך דיך אַרויסגעטריבן האָט פון בעט מסתמא
פון האַרצן אָנגעזאָליעטן די בדידות —
עס טרעפן ניט צוריק צום ברעג
די זעגלען, וואָס צעשיקט האָסטו אויף בלויע ימים,
און ס'רופט ניט אָפּ דער הימל זיך אויף דיין געבעט,
ניטאָ קיין תשובה פון דער נידער.

ביסטו, פאַרוויקלט אין כאַלאַט, אַרויס אויפן באַלקאָן —
אַן אָנגעשפּאַנטער אויער,
ווי וואָלסטו אין חצות צוזאַם מיט מיר דערהערט:
עס קלאַפּן ערגעץ פויסטן אין אַ טויער...

געשטאַנען כ'בין לעם דיך — אַ שאָטן,
אָן אַ דאַך,
און האָב דערשפּירט, צעוווּנדיקט פון רחמנות —
גייסט אוים פאַרשטיין דעם סוד,
מיט וועלכן מלאך ראַנגלט זיך די נאַכט?
וואָס ווילן וואָלקנס, קנוילן שרעק —
פון אָפּגעבראָכענער לבנה?

אוןביידע האָבן מיר געזוכט,
באַזונדער,
אַ פּײַערל אַ בליץ טאָן זאָל אין חושך,
וועט אפשר קלאָר ווערן ס׳געוואַקל
צעווישן יאָ און ניין.
געוואָרט: אָ, אפשר אין דער דממה דקה
דער צוגעזאָגטער שופר וועט צעשאַלן זיך
און סוף כל סוף וועט שלווה טרייסטן אונדזער היים.

רחמים

האָסט מיך באַשאַנקען מיט אַ האַרץ,
וואָס וואָלט געקלעקט פאַר דרײַ מנינים,
אַן אויג — וואָס זעט אַהינטער צוימען,
אַהינטער לשון תחינהדיק פאַרפרומטן,
בײַם כשרן אַ שרץ אין דײַן נאָמען.

נאָר כוח האָסטו מיר פאַרקאַרגט צו זײַן אַ שליח-ציבור
און מיט קיין פעלדזן-קול ניט אָנגעשטאָלט מײַן גומען,
כאָטש טרוימען אונטער הפקרדיקן מעסער
און בראַנד האָט צו מימאָזעס צניעותדיקע זיך פאַרקליבן,
נאָר ווייניק איז מײַן בלוט אויף שרפות צו פאַרלעשן.

ווײַזט אויס — עס שלאָגט אין מיר אַ ווײַטער אָדער פון מײַן זיידן,
דעם שווער-געפרוּווטן נביא,
וואָס האָט געפאַנגען מיט זײַן רחמים
די אָטעמס פון די קינדערלעך אין חדר,
ווען אײַנגעבויגן איבער די תנ״כן
אַ טרער אַ זודיקע
איז צו די ליפּעלעך פאַרלאָפן.

אַ טרער אַזאַ פון זאַלץ און פון רחמנות
אַ פאַל געטאָן האָט אין מײַן קעל און איר פאַרשטשעמעט,
דערפאַר, ווי ער, איך קען ניט שילטן
און קען אין האַנט קיין שטיין ניט נעמען.

נאָר ער, דער הייליקער, אין לויפן פון דײַן שליחות
האָט דאָך דײַן שטים געהערט און האָט געוווּסט אויף זיכער,
אַז אָנגעשטימט די מאזני־צדק זײַנען טאָג און נאַכט,
און ס׳וועט געוווגן, ביז אַ לויט און ביז אַן אונץ,
די שטילע וואָרקעניש פון טויבן אויפן דאַך
און גרילץ פון ראָבן איבער אַ נבילה.

בין איך דעם זעער כשרן מקנא,
כאָטש ווייט איז ער געווען פון שמץ רו.
...און מײַן בליק קען צו דיר ניט גרייכן.
מיט אויגן אָפענע איך זוך דײַן שאָטן מיט אַ ליכטל.
נאָר קיין זאַך איז מיר ניט מרמז
צי דו ביסט טאַקע דו...
און איך בין דאָך אַ קליינינקער אַליין.
גייט אײַן מײַן הארץ פון רחמים איבער דײַנע שוואַכע ברואים
און אויף זיך אַליין.

קלאָר

יאָ, קלאָר, קלאָר, קלאָר!
כאָטש הייבסט ניט אָן פאַרשטיין — ווער, ווען.
געווען אַ חלום און ניטאָ מער.
און ווער האָט אויסגעלאָשן דעם קאַיאָר?
פאַר וואָס?
ס'וועט קיינער דיר קיין תשובה דאָ ניט געבן.
איעדער מיט זײַן תיקון־חצות.
אַז ווען סטעזשקע ניט געהאָנגען איז אויף תהומען?
און ניט געביסן ווער האָט ס'אייגן האַרץ אין חושך?
איז זאָל אַ טרייסט דיר זײַן דער זכר,
אַז האָסט אַ מאָל מיט גלויבן, פולע קווישן,
געשוועבט אויף אָדלערישע פליגל
און אין אַ בלויען היכל
געהימלט האָט דײַן יום־טובדיקער ניגון.

דאָס זאָל מיין טרייסט זיין

כ׳האָב גוזר געווען נאָך אין וויעסנע אויף מײַן עולם-הזה אַ שווײַגן,
אויף לידער וואָס האָבן מיט ציטער אין בלוט זיך געפורעמט;
געלאָזט זיי, פאַריתומטע קינדער, אין בענקען פאַרבײַגיין,
אין חרם געלייגט אַ פאַרצייכנטע ווען ס׳איז אַ שורה.

און אויב ס׳האָט דאָס הארץ זיך פאַרטײַעט, פאַרגאַנגען,
געזאָלצענער קאָם אינעם האַלדז זיך פאַרברונעמט —
דער ווינט האָט פאַרטראָגן דעם זיפץ פון מײַן הארבן געראַנגל,
אַ טרער אָפּגעווישט פון פאַרשטערטע ניגונים.

ביז איין מאָל אין שפּעטיקן הארבסט האָט אַן איינציקער
שטראַלכל פאַרבלאָנדזשעט
צום קעלער, ווו וואָכיקע יאָרן געלעגן פאַרפּײַניקט —
באַפוילן צו אָפּזוכן ווערטער, כמעט שוין פאַרגעסן אין תהום זיי,
און טענער פאַר דאָקייט מיט פאַרבן בלוי-לײַניק.

איז קען איך מיט קאָפּ דעם פאַרשנייטן ניט צושטיין צום מנין,
ווו ס׳האָבן געדאַוונט בקול רם ביים עמוד פּײַטנים
און זײַנען מתפּלל אין פחד, אַז זייער באַגינען
ניט שעמען זאָל זיך מיט דער זיקנה, זאָל קענען איר ענטפערן אָמן...

ווײַל ס׳פאָדערט מײַן זײַן ניט אַנטזיגלטער תיקון פאַר עבר
פאַרלעצטן,
פאַרטאַכלעוועט ביז הײַנט אָן חשבון אין גזר פון מײַן שטומען;
מיט ווייען, פון לאַנג אײַנגעזעסענע, כ׳מוז זיך פאַרמעסטן,
פון קלאַנגען פאַרקלעמטע באַפרײַען מײַן גומען.

איז איצטער מײַן תפילה — עס זאָל מיר געגעבן זײַן יאָרן
מײַן שווײַג־חטא — איך שלאָג זיך על־חטא — מײַן מיסטעריע
פון אותיות פּירקאַנטיקע אָנטאָן אַ זילבער־עטרה
געשפּונען מיט גלי, באהבה, בחדרי חדרים,
און דאָס זאָל מײַן טרייסט זײַן בײַם סוף פון מײַן **דרך**.

*

טאַטע טײַערער!

איך הער נאָך אַלץ ניט אויף צו גריבלען זיך אין דײַנע דרכים,
און עלטער וואָס איך ווער, אַלץ שאַרפער ווערט די קנאה,
וואָס דײַן בליק האָט געקענט אַריבערשפּרײַזן אַלע פּחדים,
און אין דײַן אויג געזאַלבטע שלווה האָט געהימלט.

איך וויל דערגיין, מיר גייט פּשוט אין לעבן,
ווו דער קוואַל איז פון בטחון,
וואָס האָט געשפּאָלטן אײַך די שוואַרצסטע נעפּלען
און פאַר אײַך אין מדבר גרינע סטעזשקעלעך געפלאָכטן.

אין מויל בײַ דיר, בײַ אַלע דאַוונערס פון דײַן מנין,
געביטן האָט כסדר זיך אַ קרעכץ —
אויף חסד פון קאַפּיטלעך תהילים,
און ניט קיין לעסטערונג, חלילה, כלפּי סיני.
און ס'האָט די האַק אין לאַפּע קינם —
וואָס איז צעקריגט מיט מצוות
און איז דם־שונא פון ירושלים,
און האָט פאַרשניטן גאַנצע קהילות —
קיין פּגם אין שופרו־של־משיח ניט געקענט פאַרקריצן.

אוי טאַטעניו, טאַטעניו!
די וועלט, וואָס אירע טריט אַ יאָך אויף אונדזער האַלדז איז,
די וועלט, וואָס ניט געקאַרגט קיין בײַטשן אויפן בלויען חלום,
דער דאָרער וואָר — קיין פלעקער,
קיין האָר האָט ניט געמינערט פון איר אורוואַלד־פּרצוף,

און ניט אַראָפּגעקראָכן פון די ביימער איז עמלק.
איז פרעמד איר יעקבס לייטער, פרעמד זיין תורה,
איז יעדער בליק אירער אַ סוקעוואַטער שטעקן,
און יעדער שפּאַן אירער איז דורס.

שנייד איך שוין ניט די נעגל ערב שבת,
נאָר לאָז זיי וואַקסן,
און וויקל ניט קיין נאָזטיכל אַרום מיין האַלדז אום שבת,
נאָר טראָג אַ שווערד אין בוזעם,
אויך אום שבת,
און אויף מיין האַרץ, וואָס אָפן פאַר אַ תפילה־זכה,
געמוזט כ׳האָב אָנקלאַפּן אַ ביקס שטאָט אַ מזוזה.

בין איך מקנא דיך, וואָס דו,
מיט אַ קאַפּיטל תהילים, צי מיט תגרי־לוד,
ביסט זיכערער געווען אין יום שכולו טוב,
כפליים,
ווי איך מיט מיינע גוייִשע כלי־זיין.

ב ר י ד ע ר

„אַלע מענטשן זיַינען ברידער" —
אַ לויכטנדיקער בלויער זאָג,
וואָס קייקלט אויף דער צונג זיך אָפּגעטאָקט
און פּאַקלט פרײַע וויעסנעס אָן.

אַלע מענטשן זיַינען ברידער —
ווײַסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע —
וויטראַזשן בלומיקע אין איין לאַמטערן.

נאָר אַ סמבטיון אָן אַ שבת — זייער אינגעווייד.
געוואָרג פון קולות, פייף פון קנוט,
ציין און נעגל, גאַל,
און טשאַד פון בלוט,
טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אין איין קאָליר.

ביז לעצטן טראָפּן האַס אין קוואַל,
ביז לעצטן אָדער־שטויס,
ביז אויגן שליסן זיך אויף אייביק אין געפריר,
און שלום וויקלט אויס זיך גרוי.

אַלע מענטשן זיַינען ברידער —
אין לאַבירינט פון טויט...

על־חטא

פאַר צ. ז. ווייַנבערג

און ווי דער אָקס אין סאָכע שלעפּט דעם יאָך,
אין חלום פון אַ זאַטן צעבער, וואָס אים וואַרט אין שטאַל.
דערשלעפּט האָט איך מיט שטרויכלענדיקע קני
דעם סקריפּענדיקן וואָגן מיט דער פולער טאָרבע בדילעדאַל,
מיט ווייטן זכר פון אמונות גליַיקע אין זייער בלי,
וואָס אויסגעטרייסלט האָבן זיך אין מיַין געוואָגל־גאַנג
צום אויסגעבענקטן קוואַל.

כאָטש ס׳איז אויף מיר דער שאָטן פון אַ למד־וווניק ניט געפאַלן —
געטראָגן כ׳האָב אין זיך כסדר די עקדה,
און מיַין געמיט האָט, מיט מסירת־נפש אָנגעטליתט,
געוואָרצלט אינעם סאַמע שפּיץ פון יעקבס לייטער.
פאַרבלענדט פון שיַין פון דיַינע ספירות,
מיט בלינדע אויגן אין דער וועלט איך האָב געבלאָנקעט,
געזוכט אַן עמוד מיט אַ ליכטל — איך זאָל ניט פאַרפּרירן;
און ניט געפּאַשעט זיך איך האָב אויף פרעמדע לאָנקעס,
ווען מיַין הויף איז געשטאַנען נאַסטיעזש פריי,
און כל דכפין געפליקט האָט פון מיַין ציטערדיקן כרם,
נאָך איידער איך אַליין פאַרזוכט האָב פון זיַין וויַין,
מיט טרערן...

שטיי איך היַינט אין מיטן אָסיען
מיט אַ לאַנגן, לאַנגן צעטל אָנגעפּיקעוועט מיט מצוות,
און מערער נאָך פאַרוואָסן —
אַ האָרב אַ שווערער, אַ פאַרגעלטער, אויף די דאַרע פּלייצעס
פון מיַין קצבה;
אַ באָרוועסער געקומען בין איך צו דיַין בית־דין,

ווען קאָרג מײַן סקאָרינקע צו מאַכן אַ המוציא
מאָן איך צו אַ דין־תורה דיך — אַ סילוק פון מײַן חשבון.

איך מוז, איך מוז פאַרשטיין
פאַר וואָס איך, יונה גאָלדעס, בין געבליבן פאַר מײַן ווינטער
אָן אַ גאַרטל,
און קען ניט אָפּזוכן אין זיך מײַן טאַטנס כוח ממעמקים,
און באהבה אָננעמען דײַן גזר־דין,
ווען ס׳לעשן אויסעט זיך נשמה־פאַקלען.
עס קען, חלילה, נאָך מײַן גרויקייט אָן אַ גאָט פאַרגיין!

כ׳האָב מורא פאַר אַ פוסטן היכל —
דאָרט פראַוועז מתים אָן אַ ברעקל שמחה זייער תפילה;
אין תכריכים קען קיין פײַער זיך ניט צינדן צו די הייכן;
מיט פראָסט עס וויעט פון אַ דאַוונען אויס רגילות.

איז כאַפּט מיך אָן אַ פּחד ווען מײַן אויער נעמט ניט אויף
דעם שטומען שרײַ, וואָס לעשט זיך אויס אויף מײַנע ליפּן;
זיי גייען אויס ביז לעצטער רגע נאָך אַ טראָפּן טוי
פון גר־זאב־וכבשדיקן חלום,
וואָס לאַנג, שוין לאַנג, געזאָלט מקוים ווערן האָט על פּי הדיבור;
אַניט — עס וועלן חס־ושלום
פאַרגיין מײַנע זכרונות אין אַ טיפער בושה,
און — פאַרקוועטשט דאָס האַרץ אין פּויסט — כ׳וועל שלאָגן
זיך אָשמנו,

מחוץ למחנה אַ מצורע,
אין אַ חורבה מיט אַ פּסולער מזוזה,
פאַר וואָס די גרויע מצוהלעך באַטעמט ניט
קיין זאַלץ פון אַן עבירה...

אַפּאָלאָ 11

דאָס חיות אויפֿן שפּינוועבס פֿון די לעצטע רגעס
פֿון דעם געשפּאַן דעם בראשיתדיקן אינעם זיבעטן רקיע,
האָט דורכגעשטעפּט מײַן לײַב אַ פֿורכטגעצאַפּל,
ווען ס'האָט, אין די געשפּאַנטע סטרונעס פֿון דער דממה,
אַ בת־קול פֿון בן־אדם זיך פֿאַרהעקלט,
זיך בשורהדיק צעשטאַפּלט,
נביאיש מיט אַ פּסוק פֿון דער תורה, מיט געוואַג.

אַ טרער אַ זודיקע געברענט, געשרפֿעט האָט די וויִעס
און פֿלאַם און גליוער האָט געשפּאָלטן ס'בלוט אין תהומען,
און ס'בידנע האַרץ,
פֿאַרהימלט אינעם ווײַטן, בלויען טראַקט,
אין טיפֿן סוד,
האָט אויסגעטאָן זיך מוטער־נאַקעט
און אין אַ תּפֿילה זיך פֿאַרטײַעט, ממעמקים —
עס זאָל חלילה ניט פֿאַרשטערט ווערן דאָס פֿײַער,
וואָס אויסגעהייליקט האָט די ליפּן הײַנט פֿון ווײַס און שוואַרץ
אין איין אחד...

און אָט אַ פֿרייד אַ קוואַליקע, אַ שפּרודלדיקע שמחה,
עס כוואַליעט זיך די ברוסט פֿון גאווה הימאַלײַיִק,
ווי ס'וואָלט דער נס פֿון קריעת ים־סוף זיך באַנײַען;
אין יעדן מויל אַ הימען צו די שליחים,
צו די מלאָכים דרײַ און
צו דער הגדה,
וואָס האָט זיך ערשט דאָ צווישן שטערן אויסגעליכטיקט,

און אויסגעוואַרעמט פון די פינגער וואָס באַטאַפּן די לבנה,
און מעסטן מאַמיש שוין דעם דופק פון איר אָדער,
ווי אויסגעהעלט די וועלט לתמיד פון היינט אָן וואָלט
דעם יתומס טרער און טרויער־שאַל פון דער אלמנה,
צעשמאָלצן אַלע קייטן,
און אָט־אָ וואַקסט צו די מזלות שוין אַ לייטער...

האָב איך אין מיטן יובל זיך געמוזט דווקא דערמאָנען
אין דיר, ישעיה;
אין מיטן דער הילולא, אין סאַמע הלל,
דערגרייכט מיך האָט אַ שטראַל פון דיין באחרית הימים
און — ס׳האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין מיין אינגעווייד פאַרבייזיק;
פאַר אויג מיינעם, רמ״חיש אָנגעשפּיצטן,
מחיצות האָבן זיך צעוואַקלט, אומגעפאַלן,
אין אַלע ארבע רוחות השמים,
און טירן פון פאַלייען — עפענען, צעפּראַלן;
אָט זיינען טירן דעמבענע, געשניצטע,
מיט זינגענדיקע פייגעלעך און מיט כוהנים;
אָט טירן מעשענע מיט הערבן אויסגעהאַמערט,
אין יחוס אויסגעקנאָטן,
מיט ריטער און מיט טראָנען;
און טירן לייכטע, לופטיק־פיליגראַניש,
אין בלויען אָפּשיין פון בריליאַנטן,
פאַרזוען מיט גאָלדשלעסער און צלמים;
און שאַפעס, שאַפעס הינטער יעדער טיר,
מיט פאָליצעס געפּאַקטע ספרים,
צעשטעלט אין גלייכע גרייסן,
געסדרט אוניפאָרמיש,

מיט רוקנס — רעגנבויגנדיק געליישט,
אין דרך־ארץ אײַנגעפּאַסט, סאָלידע —
וואָס כישופן אָן אַלטן, אַלטן פּיוט;
און צווישן זיי — מײַן אויג, פאַרחידושט,
האָט אָפּגעפונען דיך, ישעיה,
אין סאַמע אויבן־אָן,
אַהינטער שויב געשליפענער,
ווו, צווישן דער פאַרפראָרענער חשיבות,
פאַרפרעסט פון מומיעס אַ מיליאָן,
דו פרעגסט נאָך אַלץ דײַן אַלטע קשיה —
און האַרץ ווו איז?!
און ווו אַ מענטש וואָס זוכט אַ גאָט פאַר זײַן צוקאָפּנס?
צי דען אַ הינערפלעט פאַרשטעלט די חורבות, אַשן,
און ס'איז די וועלט צום אשמדאי נאָך צוגענאָפּלט?!...

כ'פאַרמאַך די אויגן
און פרווו אַרײַנגיין אין אַ דמיונדיקער חסד־נישע,
פאַרגעסן זיך,
ווײַל איך, מישטיינס געזאָגט, אַ שוואַכער ילוד־אשה
פאַרשעמט און שטום שטיי בײַ דער האַרבקייט פון דײַן טענהן.
לית דיין ולית דין?...
אַזוי פיל פּחדים און עבירות!
עס מוז דאָך אַ פאַררישן וועלט אַזאַ, פאַרפײַניקט,
אָן צלם אלוהים,
אַ הײַפל למד־וואָניקעס פאַרמאָגן פאַר זײַן קיום,
וואָס זאָלן ערגעץ־ווו נאָך אָנצינדן די שבת־נרות
בצינעה, מיט אַראָפּגעלאָזטע ווּיעס.

נאָר וויי. ישעיה, וויי!
ביי דיינע יורשים וואָס נאָך טרינקען פון דיין ברונעם
פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער ווערן זיי די אַקסלען
צו אויסטראָגן די דערנער — שלאַקסן
מתחת לשמיים,
ווען נאָר פון גרויע מצווהלעך איז טועם אונדזער גומען
און ס׳טשאַטעוועט ביים שוועל דער כולו חייב...

איז קניט אַראָפּ מיין האַרץ צו סאַמע ערד,
ווו בלאַסע קינדער חלומען פון אַ כזית דאַרן ברויט,
ווען קעפּ פּאַרכליניעט גאווה פון דעם שפּרייז אויף דער לבנה;
אויב ס׳וועט דיין פאָלק, אַ האַרציקער, אין דער אַ לעצטער רגע,
פון קראַטן, נעגל, טויט,
פאַר טויבע אויערן דיין אמת ניט אַנטפּלעקן,
ווער ווייסט,
צי אַ בעל-תפילה וועט נאָך בלייבן פאַרן עמוד
אין אונדזער אייגענעם געצעלט...

שטימונג

אין מיין פאַרלוירנקייט איך האָב אַ מאָל געטראַכט —
איך בין אַ ווערמעל, אַ מילבעלע אין דײַן יצירה;
אַצינד, ווען כ׳שטיי אַלץ בײַ פאַרריגלטע נאָך טירן,
איך ווייס ניט צי כ׳בין ניט נאָך קלענער.
אַ קערנדל? אַ זעמדעלע פאַרקײַקלט?
אַ קערנדל בײַם ברעג פון ים, דאָס קלענסטע קרישל,
איז דאָך פאַרזען מיט דויער!
ווער ווייס, צי ניט לצמיתות.
ווער ווייס, וואָס אינעם סאַמע האַרץ פון שווײַגן
בײַם פּיצל זעמדעלע עס הויערט?

איז ווער זשע בין איך?
אין מײַן געפאַלנקייט כ׳ווער אײַנגעדאַרטער וואָס פון שעה,
אַז זיך אַליין, אָ, זיך אַליין איך זע שוין קוים אַרום!
ווען אין דײַן מלכות, אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף,
די מעשי־בראשית ביסטו יעדן טאָג מחדש,
און שטערן אין דײַן ווילן האָוון,
און זונען אין דײַן שליחות מיט התלהבות,
פון ערשטן נאָך כי־טוב!
דאַרף איך דאָס זײַן אין קאָסמישן געפלעכט דער קרבן חטאת,
וואָס ווייס ניט וואָס זײַן רגע זײַן האָט אין דער רעטעניש צו זאָגן?

און אפשר... טאָמער...
(אַ שטראַל אַ בלוילעכער פאַרגאַרטלט מײַנע ספקות)
אויב אַלץ וואָס איז פאַראַן — אַ כרוב איז, אַ שליח בכוונה,

און יעדער שטערן גלימערט מיט אמונה אין דער נאַכט,
און יעדער פעלדז שווייגט אוים בטחון אין דער וועלט וואָס אָן
אַ נאָמען,
און זיי אַלע צוזאַמען, פון פאַרשטויבטן אָן נאָך אור־אוראַלט,
אין איין באַגער,
אין איין פאַרוים —
פאַר וואָס זשע זאָל דער גורל פון בן־אדם זיין פאַרקערט?
פאַר וואָס זאָל דער וואָס אויף די ליפּן האָט דיין שם געטראָגן
ניט זיין פאַראַנקערט אינעם מקור,
נאָר סתם אַ צופאַל,
אַ קאַפּריז
און אוים?!

און אפשר... אפשר איז געווען גערעכט דער טאַטע,
אַז ניט דער אויסגעדאַכטער סוף אַ סוף איז,
כאָטש טאַפּסט אים כלומרשט אָן מיט דיינע פינגער,
אַז אין עולם־האמת הימלען זיינען אויסגעוועבט פון תהילימס,
נשמות זאָגן ברכו ווי די שרפים,
און זייער שירה שפּאַרט אָן אַזש אַהער,
מען דאַרף נאָר וועלן הערן...
אַלץ, אַלץ געבענטשט איז מיט אַ זין,
געשליפן ווי אַ דימענט.
דעם אַלץ איז אָבער ניט פאַר אונדזער שכל צו באַנעמען.
פאַרקערט — וואָס מער דו ווייסט, פאַרשטייסטו אַז דו ווייסט
נאָך מינער.

דעם אַלץ דאַרף מען דערשפירן.
דער מה למעלה הענגט דאָך ממש אין דער לופטן!

אין יעדן האַרץ פאַרשפּונען,
אַ יידיש האַרץ בפרט.
די חקירה בריט, איז גורם ווונדן.
מען טאָר ניט גריבלען זיך אין קץ, אין דעם סך־הכל,
אין זײַן פאַרטראַכט,
און גאָר דער זין פון זײַן איז גאַנג צו שלמות,
צו צניעות,
צו כולו זכאי —
ווו ס׳וואַרט משיח...

כ׳פאַרמאַך די אויגן, בויג אַראָפּ דעם קאָפּ,
און אַלע חושים אָנגעשפּיצט צום אויער,
ביז — מיטן צענטן חוש כ׳דערשפּיר —
עס ריטעמט זיך אַן אייביקייט אין זוהר,
עס אייביקט זיך די רגע אינעם אוניווערז.
און איך בין אויך אַ מיקראָסקאָפּיש פּאַסיקל, אַ פּינטעלע,
אַ גראַמעלע אין זײַן אַ פערז.

ווערט וואָרעם, וואַרעם מיר ביי דער מחשבה,
באַגליקזעליקט די רגע איז ביז טרערן,
מײַן האַרץ פאַרטײַעט זאַמלט זײַנע פליגל אײַן,
פון גרוי אין בלוי,
און דאַוונט דבקותדיק אַ תפילה אוים —
מה גדלו מעשיך אדני!

ביי וועמען?

בײַ וועמען זאָל בעטן מחילה אַ טרוימער
פון אַן עץ־הדעת מיט עפּל אין פרײַען גן־עדן,
נאָר האָט ניט קיין טרויב שהחינו צו מאַכן,
ווײַל אייגענער גאָרטן פאָרהפקרט און חרוב די בייטן.

בײַ וועמען זאָל בעטן מחילה אַ טרוימער
פון וואָלקנס מיט ברכה צו לעשן דעם פלאַם פון מדבריות,
וואָס האָט זיך צו הערצער דאַבוּוועט, צעטיילט זיי,
און האָט מיט קיין וואַסער דעם אייגענעם ליאַק ניט באַוואָרנט.

בײַ וועמען זאָל בעטן מחילה אַ טרוימער,
וואָס האָט לעם זײַן ליידיקער טאָרבע נאָך ברויט ניט געשריִען,
ווײַל ער פון געבוירן געהייליקט געווען איז
צו זײַן פאַר געמיינע אַ ניט קיין באַצאָלטער שליח.

בײַ וועמען זאָל בעטן מחילה אַ טרוימער,
וואָס איז צו זײַן אָסיען געוואָרן אַ באָרוועסער גייער
און זוכט היינט אַ קרעטשמע פאַר ניכטערקייט וואָס האָט
געפּסלט דעם קרבן, מחלל געווען דעם מזבח...

בײַ וועמען זאָל בעטן מחילה אַ טרוימער,
וואָס האָט ניט פאַרזוכט פון די אַלע חטאים און חסדים —
אין זיי איז גאָטס טרייסט פאַרן קורצינקן דויער —
און פליקט זיך די האָר פון זײַן נאַקעטן קאָפּ מיט חרטה.

ביַי וועמען זשע, גאָט, זאָל ער בעטן מחילה,
ווען דיך ער געפינט ניט אין הימל און פּוסט איז זיין היכל?
ער האָט ניט קיין חלומל פאַר זיַין צוקאָפּנס
און זיך אַליין איז ער די גוואַלדריסן-מצוות ניט מוחל...

נ י ט פ ר ע ג

ניט פרעג,
קיין תשובה וועסטו סיי ווי ניט באַקומען;
דער יאָ זעט קוים אַרוים זיך פון די טונען ספקות.
איז אויב אַ לקוי-חמה פאַר די אויגן
און תשעה-באָב אין אויער —
פאַרנורע טיף דעם קאָפּ אינעם קישן
און פלאַץ אַרוים אין אים פון קלאָג דעם אומגעהויער,
וואָס דיינע ווייסע טויבן איינגעשלונגען האָט אַ תהום
און אויף בית-עלמינס בלויז זיך פלאָנטערט דיין זכרון.
נאָר קיינער זאָל ניט וויסן אַז פאַרשפּילט דער לעצטער קאָן,
אַ ניט —
ווער ווייס, צי מיט אַ לעצטן פריינד דיין טיר וועט זיין באַוואָרנט...

מיט טרער און מיט שמייכל

שענק מיר אַ שטראַל פון דײַן טאָג, וואָס זײַן דופק איז
טויזנט באַזוניקטע יאָרן,
דאָס גראָז אַזוי גרין איז, דער הימל טיף-בלוי איז,
אָן פּחד, אָן כּרת.

מיט אַלע טירן אַברהם אָבינוס מײַן האַרץ איז —
אַ פלאַטערל שירה —
צעעפנט פאַר ביידנס ניגונים;
נאָר האָסט אים פאַרטיילט, ניט דערלאָזן אין גרין-בלויען אוצר
צו טובלען זײַן גומען,
בלויז טועם געווען פונעם נס,
געמאַכט אויף זײַן חסד אַ ברכה —
אַן עבד פאַרבליבן איז עס און זײַן אויער פאַרשטאָכן.

ס׳קען דאָך, אל רחום וחנון, ניט זײַן, אַז פאַרקנאַטן
צעצונטערטן דאָרשט צו אַן אייביקן זײַן האָסט
אין אָדם,
און זאָלסט אים פאַרשנײַדן אין סאַמע גערדייען!
גיב זשע מיר כּוח מײַן בענקשאַפט נאָך דויער צו טראָגן,
אַזוי ווי מײַן טאַטע זײַן אויסקוק אויף רחמי שמיים.

שענק מיר אַ הײַפעלע קלאַנגען, אָן פּגמים, אין בראשית געטיגלט,
די פרייד און דעם וויי, וואָס דערנערן און פליקן מײַן אויסקום,
כ׳זאָל אויסהאַקן קענען,
די האַרבקייט פון דעם יורה-דעה, וואָס טונקט זײַנע פליגל
אין גילדענעם חן צאינה-וראינהס,

און פחד פאַר יונגינקע שומרים בײַ גרענעץ ווו ס'לויערט
גיהנום.

שענק מיר אַ טראָפּעלע טרייסט און אמונה,
אַז ווען מײַן געביין וועט אין עבר פאַרשטויבטן שוין גרויען,
וועט צו מײַן שטיין אָפּט אַן אָפּהילך פאַרטײַעט דערגרייכן,
אין אומרו געוויקלט, אין קוים-קוים געציטער,
דער האַרציקער ניגון פון קינדערשע ליפּעלעך-בלומען
בײַם דאַוונען, מיט טרער און מיט שמייכל,
אַ ליד, אַ קאַפּיטעלע ליד פון מײַן סידור...

תשובה

פון הינטער שוואַרצע בערג, אין טיף־פאַרטיפטן שווייַגן,
פון הינטער נעפּלען אייַנגעמויערטע אין גרויע ווייַטן,
אין סאַמע שוים פון גליוועך — טראָפּנט אויס זיך אַ באַוועגן.
אַ בלאַסער פּאָספּאָר טוט אַ פינטל ווו־ניט־ווו מיט נייַגיר,
אַ סטרונע טשוכעט אויס זיך פון אַ שלאָף אַ לאַנגן,
פאַרטייַעט פּלאַצט אַ קאָרע ערגעץ אָן אַ קלאַנג,
און אין דער לופט פאַרסיווערטער, אַנטקולט,
ווי אָנגעקומען פון אוראַלטע צייַטן,
צעפּלאַטערט זיך אַ ווינטעלע אין כוואַליעס קאָרן־זאַנגען,
צעשמייכלט זיך אַ וואַסערל צעווישן גרינע ברעגן,
און סטעזשקעלעך באַטראָטענע אַ מאָל, אַ מאָל,
הימל־בלויִק,
צעחנדלען זיך מיט יענעם פּלעמל, וואָס געכאָוועט האָבן דורות
אין קרומע געסעלעך, באַוואָרנטע מיט גלייַכן גאַנג,
מיט תרי״ג־מצוות, פּיצעניאָנצינקע עברות,
פאַרשפּונענע אין בין־השמשות־בענקשאַפט תהילים־טויִק.

ביז פּיין זיך שרויפט אַרייַן דייַן אויג אין ניט דערוואַרטן נס
און זעסט —
דעם נוסח, וואָס ביד רחבה האָט אַראָפּגערונען
פון יעדן דאַך און יעדן אויסגעקרימטן גאַניק,
דעם טיפן ציטער־גלויבן אין משיחן, אַז ער וועט זיכער, זיכער
קומען,
דעם חלום־ווייַ נאָך טרייסט, וואָס ערגעץ־ווו איז זי פאַראַנען,
און האָט מיט אומעט־חן געטאָניקט דייַן מעת־לעת
און האָט געווייַניקט טויזנט־טעמיק אויף דייַן גומען.

און אין פאַרגעסונג דײַנער װערסטו װידער קינד
און שטײסט אין פּחד אײַנגעצװוּנגען
אין קלויז פאַרװיקלטער אין ליכט, טליתים און אין קיטלען,
לעם טאַטן, װעמעס שטילער כּליפּ דײַן האַרץ צעבינדט,
און פון פּרוכת זילבער-װײַסן הארבן אויס זיך פּיבער-רינגען
און רוקן אָן דיר אויפן קאָפּ אַ טרערן-היטל,
און ס׳װערט דיר זיס ביז װײ אין דעם יום-כּיפּורדיקן יום-הדין
מחילה בעטן העשענדיק פאַר ניט באַגאַנגענע אַפילו זינד.

קדוש אתה ונורא שמך —
דער סתירהדיקער זין פון בײדע צװײ טיטולן
פאַרלײגט און אָפּגענומען האָט דײַן קינדיש לשון,
געפּאַלמעסט דעם צעהיצטן מוח,
נאָר ביז פאַרטומלונג איז געװאַקסן כביכול נאָמען
אין אין-סוף שטײַגנדיקן עכאָ,
און דו — װי דײַנע איברים װאָלטן װערן אָנגעדרײטע שפּולן
פון שרעק,
װאָס פאַלט אַראָפּ אַהער מיטן געהויל פון עזרת נשים
און שרויפט אַרײַן זיך אין דײַן לײַב מיט אַ געבװיער,
מיט אַ געזעג,
אַזש ס׳פאַלן אײַן אין דיר די דמים.
און טוליעסט צו זיך צו דײַן טאַטן אונטער טלית —
און װער באַנעמען קען און װער קען אָנען
דעם זיכער, װאָס ט׳אַ פלײץ געטאָן צו דיר אין בלויע כװאַליעס
פון דעם פאַרטערערטן שמײכל, פון דײַן טאַטנס בליק,
װאָס האָט געװוּסט, אַז תשובה עפּנט טויערן פאַרשפּאַרטע אויף צוריק.

מיין דור

דער וועלטשמערץ וואָס ט׳פאַרקלעמט די פרילינג-סטעזשקעס
פון מײַן דור,
ווען קאָפּ זײַנער האָט זיך געכוואַליעט רויט-טשופּריניק,
אין ברוסט — אַ ים צעשטורעמט פרײַ, אָנענדיק,
מיט שטים צעכראַסטעטער — מאַזשאָר!
פאַרלאָרן האָט די לעצטע דאַוונערס פון זײַן מנין,
וואָס האָבן זיך געוואַשן מיט צווייהענטלדיקער קוואָרט,
ווען ער דערזען צופּוסנס פון גן-עדן
די עקדה
פון אויסגעחלומטע דורך דורות קוויטן.

פון דאַן ווײַכט פון זײַן אויג דער זיכער און די שיכרות.
מען סטאַרעט זיך דעם שפּײַכלער אייגענעם מיט ברויט באַזאָרגן.
מען נעכטיקט אין דער היים.
פאַרלייגט דאָס אויער איז פאַר קלאַנגען פון צוריקקער.
דער עיקר — אַז דער אויסגעחשבונטער יום-יום-גאַנג
ניט ווערן זאָל פון ספקות יאָזשיקע געליימט.

איך ווייס, עס איז אים שווער די ניכטערקייט די קאַלטע,
מיט איר באַלעסטיקט האָט ניוטאָן זײַנע געהירן
און אויסגעלאָשן שטערן האַרציק-ליכטיקע,
אמונה אין אַ יש, וואָס מיניעט זיך אין ווײַט אין בלויע וואַריאַנטן,
פאַר זיי געזונגען האָבן אָבות אויסגעבענקטע שירה.

פאַרוואָרפן ליגן טרוימען פליכיקע,
צוזאַמען מיט די הימלען חרובע, אין וויסטע תהומען,

אויף זיי אַ שפּינוועבס-נעץ זיך שטויביקט, זשאַווערט
אין שאַרפער דממה.

איז ווו זשע שעפן זאָל מײַן דור התלהבות,
ווען אָנגעמילגרוימט איז זײַן קאָפּ מיט נאָדלדיקע פראַגע-צייכנס,
אין בליק — פאַרשוועכטע פאָנען,
געבראַזג פון קייטן,
און מיט אַ טראַסק געפאַלן איז זײַן גאָט פון אַלע הייכן?!
האָט ער פאַרקליבן זיך צו זיך אין חדר,
אַ צעצווייטער.
גיין שאַפן זיך אויף ס'נײַ איצט אַן איקאָנע?

ס׳האָט פּלוצלונג אָנגעוויײט

ס׳האָט פּלוצלונג אָנגעוויײט אויף מיר אַ טרויער דאָ
אין שול פון דאַוונענדיקע אויסגעפּוצטע יידן
און האָט מײַן אויער אָנגעשפּיצט און מויל פאַרשלאָסן.
נאָר ס׳האָט אַ ווידערקול אין דער יום־כיפּורדיקער שעה
פון גאָר מײַן ווײַטן עבר זיך אַרויסגעשניטן
און פאַרדבקעט אין מײַן אינגעווייד אַרײַנגעפּלאָסן.

עס איז דאָך היינט אַ טאָג ווען ס׳האָט אַ מאָל מײַן טאַטע
מיט ציטערדיקע קני און פּחד אין די אויגן
די גאָרע וועלט מיט אַלע אירע זינד און רייצן
פאַרלעצט און אָפּגעקלאָגט מיט שטים פון אַ מתוודה.
זײַן גוף ווי אונטער שווערער יאָך האָט זיך געבויגן,
ווי ס׳וואָלט דער גאַנצער סיני־באַרג געפּרעסט אויף זײַנע פּלייצעס.

און אָט שטיי איך אין שול פאַרפרומטער אויסגעליידיקט
און קען קיין שער אין הימל צו נעילה ניט געפינען,
און וויין אויף אָפּגעוועלקטע לאַנג אמונה־בלומען.
איז ווי צו דעם, וואָס אויסטראָגן ער מוז ביז אייביק
זײַן אומרו, וואָס ט׳פאַרגרויט אַ קורצינקער באַגינען,
ווען האַנט איז אָן אַ שטעקן אינעם טרייסטלאָזיקן אומענד.

שיכור כפליים

מיר זײַנען אַן חשבון געגאַנגען, געפּויזעט,
דורך לויער פון חרם,
געקראָכן קאַסטרוי;
אַ פּורפּורנער באַרגשפּיץ געצייכנט צום חלום דעם וועג.
קיין מאָל ניט געפּסלט זײַן תורה,
כאָטש אָפּט זײַנע פּסוקים פאַרטאָפּטשעט געלעגן אין קויט.
פאַרלאָזן די היימישע קלויזן.
אַ פלעשעלע י״ש אַ געבאָרגטס האָט געיערט מיט גאולה.
פאַרביסן מיט שטרוי
פון ערגעץ־ווו טויִקע טעג.

איז חרוב געוואָרן דאָס פלעשעלע, פּוסט זײַנע גאָרבן.
משיח אַנטרונען פון אים איז,
דער טוי אויסגעשרפּעט
צוזאַם מיט די נעכטיקע טעג.
נאָר אונטער די פּיס, ווי אַ נס, האַרט בײַם ראַנד פון רויִנעס,
זיך אויסגעשיילט האָט אַ רצועה אַ שמאָלע פון סיני,
אַ פּאַסיקל שטעג,
אַ סליאַד צו דעם אַלטינקן אוהל אַברהם אָבינוס,
צום חלום פון זיידן — אַ פונק פון באַגינען.
איז שיכור געוואָרן כפליִים דער בליק פון דאָס נײַ
פון פּשוטן ניכטערן וועג,
וואָס תמיד געוואָרט האָט בײַם שוועל פונעם האַרצן אויף גייער,
נאָר ס'האָט אונדז — אוי אַללי לי, אַללי! —
דער י״ש פון משיחי השקר די ראיה פאַרשלייערט...

ווי וויל

ווי וויל איז דעם, ביי ווּעמען זיינע נאָכאַנאַנדן
פּאַרציט אַ בלויער נאָך פּרוכת,
און טרוימען שלווהדיק פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
איז אויפן שוועל פון ווינטער זוכה.

און דאַרף ניט שלאָגן זיך על־חטא פאַר די חטאים,
וואָס אין זיין בלי ר׳איז ניט באַגאַנגען,
ווען היינט איז שפּעט, צו שפּעט, דער זייגער ווייזט — הכנעה,
און פוסטע שאָקלען זיך די זאַנגען...

מיך פאַרפלייצט אַ וואַרעמקייט

געוועזן אַ צײַט, ווען בלוט געכוואַליעט זיך פון רוף אויף באַריקאַדן
און שטרײַט מיט פאות-נוסח האָט אין יעדער היים געפלאַקערט,
ביז אויסגעבליאַקעוועט אין דעם פאַרמעסט דאָס וואַסער-רויט
פון פאָנען,
פאַרשניטן פון דעם פרומען גייער האָט די גאַס געגליווערט נאַקעט.

פאַרבליבן בלויז ארונות פוסטע, גרוי-פאַרצוויגענע מיט שפינוועבס,
זכרונות אָנגערויכערטע מיט כלע וויסטע טייטן.
ווי נעבעכדיק דער אָפּגעפליקטער אמת קעגן לערן היכל! —
פאַרנאַרט געקלעטערט אויפן שטאַפל מענטש און ניט אויף יעקבס
לייטער.

איך קען אויך הײַנט ניט זוכן טרייסט אויף הארבע ספקות אין
בית-מדרש,
כאָטש מיט קיין תשובה בעסערער מײַן טאָג איז ווײַט נאָך ניט
באַוואָרנט.
נאָר מיך פאַרפלייצט אַ וואַרעמקייט, ווי פון מײַן מאַמעס שמייכל,
ווען כ׳זע אַ ייד אין אַ קאַפּאָטע, מיט אַ טלית אונטער אָרעם.

ממעמקים

...איז דריי איך זיך אַרום אָן אויפהער אינעם פּאַליש
מיט פוסטריט ווונדיקע אויף אָנגעגליטן באָדן
און אומרו שטײַגנדיקער ברענגט צו מיר די ווידערקולן
פון בראשיתדיקע וועלדער אָנגעפינצטערטע מיט פּחדים,
דעם ציטער פון באַרג סיני אין געשמעלץ פון זידנדיקע רויכן,
די שטים, וואָס רופט, באַפעלט און פלעפט — אָנוכי!

איך דריי אַרום זיך ווי אַ וואָלף אין שטײַג און זוך אַן אויסוועג
פון נאָסן גרוי, וואָס האָט מײַן וועג, מײַן אויג פאַרוויִיט,
אַ דינעם רמזל צום הארבן תוספות,
וואָס אויפפּלאָנטערן זאָל דעם סוד פון דעם באַשייד,
וואָס ליגט אַוודאי ערגעץ־ווו באַהאַלטן אין דײַן היכל —
אין דײַן באַשאַף איך זאָל פאַרשטיין פון פגם דעם שכל.

ווײַל אויב געקענט האָסט זײַן דער ערשטער, איינציקער, פון אייביק,
און מיט אַ געטלעכן פאַרטראַכט בלויז, שאַפן אַזאַ יש מאַין,
פאַר וואָס זשע מוז די קרוין פון דײַן יצירה, וואָס בטבע איז זי גלייביק,
דעם פּחד פאַרן טויט אַפילו אין דײַן נאָמען ניט צעטײַען?
האָט ניט געקלעקט דיר כוח אויסצומײַדן פונעם בלי און וועלק
די סתירה,
אַז אונדזער קורצע שעה פון ספקות זאָל ניט זײַן צעווירעט?

און אפשר האָסטו אונדז פאַרקאַרגט אריכת־ימים
מיר זאָלן ניט פאַרגעסן פון דעם חשבון דעם סך־הכל? —
הערסטו דאָך דעם אָשמנו־שלוכץ, על־חטא אויף לעבן פול מיט
פּגמים,

וואָס ס׳יאָמערן פּאָעטן אויס אַ יעדע נאַכט ממעמקים,
און שטאַרן אַלץ ביי טויבער וואַנט, פאַרוואָרלאָזטע יתומים,
אין עלנטקייט און אימה.

אויך איך — אַ צענטער צו אַ מנין בין אין זייער תפילה־זכה,
ווייל אין געראנגל פאַר אַ זין מיין אייגן לייב מיר ענג איז.
אין מיין וימש חושך כ׳זוך, ווי זיי, אין מיטן העלן טאָג אַ פאַקל;
איז זיי זשע זיך מרחם אויף מיין הארץ אין שאַרפן בענקען,
און שיק אַ טראָפּן שיין, אַ טראָפּן חכמה אין מיין נויט,
נאָך איידער מיין אַליינקייט לאָזט זיך אויס מיט טויט.

אַזאַ באַגין

ער קוקט אַרײַן אין זיך און קען זיך ניט געפינען,
ווי ס'וואָלט זײַן פּיצל איך געוואָגלט אין דער פרעמד,
אָן אַ לאַמטערן.
פאַלט אַ זיפץ פון האַרץ אַ רויער —
רופט ער אָפּ זיך מיט אַ ווײַט פאַרטעמפּטן וואָיען
פון האָפענונגען גרינע, אָפּגעקאָסיעטע די סנאָפּעס.
קען ער זיך אַליין ניט הערן
און האָט ניט וועמען צו פאַרטרויען
דעם קוהלת וואָס פאַרלייגט האָט פּלוצלונג זײַן צוקאָפּנס,
כאָטש ער איז אין פרימאָרגנס אָנגעשטימט
מיט דער קוקאַווקע זאָגן מודה-אני אינעם וואַלד.

באַנעמט ער ניט די שײַכות פון זײַן טרוים נאָך שלווה
מיט דעם אָנגעווייעטן בדילעדאַל
אין הײַנטיקן באַגין.

אַ בלאַט גמרא

געמיינט אַ מאָל — איך בין פון דיר אַוועק,
פאַרמאַכט אויף תמיד הינטער זיך די טיר,
און ניט געאַנט, ווי ס'וועלן בלייבן מיינע טעג
אָן דיר.

דער מרד, וואָס געשטויסן האָט מיין יוגנטשפּריַיז,
האָט אין זיַין פּלי קיין צו פיל שכל ניט פאַרמאָגט:
באַיאָט איעדן קידער־ווידער, יעדע נייס
פון ווייטניש געלאָקט.

נאָר אין מיַין ליד בסתר האָסטו אָנגעשטעלט דעם טאָן,
אַפילו ווען געמיינט
איך דין אַ ניַיעס טראָן,
וואָס ניט פאַרמיטן האָט פון דיר אַ שטיין...

דיַין לשון — ערדיש־פּשוטער, אָן פּוץ,
ווי ס'צירט זיך ניט דער פּויער און דער גאַרבער אין זיין היים,
מיט פּקחות זייערער באַווירצט, באַזאַלצט,
דאָס תמימותדיקע גוטס,
וואָס דיַינע האַרציקע משלים האָט באַחנט,
די שטראַלנדיקע חכמה, לויטער־יושר פון חז"ל —
פאַרקנסט זיך האָבן ווי דער שאָטן צו מיַין טראָט.
אָן זיי כ'וואָלט ניט אַנטפּלעקט דעם פּיגול אויפן פּיעדעסטאַל,
ווי כ'האָב צו לאַנג געזוכט אַ גאָט.

איז לייג איך ווידער אָפּט דיך אויף מײַן טיש
און שעפּ בטחון צווישן דײַנע האָפּערדיקע רייד;
דײַן אויסגעפּרוּווטער גאַנג מאַכט אַלע ספקות מיר צו נישט,
ווען כ׳בלײַב מיט דיר
כאָטש אָן אַ היטל,
זאַלבעצווייט.

אַ טאָג אַזאַ

איז געווען אַ טאָג, אַ טאָג אַזאַ אין יאָר־געיעג,
צוזאַמען מיטן קאַלענדאַריש בלעטל אויסגעפליקט געוואָרן,
און קיין שפּור פון זכר זײַן ניטאָ איז.
ער האָט, אַ קיקיון אין אַ וויסטן העק,
אַ בלענד געטאָן און באַלד זײַן קוויִט פאַרלאָרן.
גלײַך דער בורא וואָלט פאַרשעמט צוריקגעכאַפּט זײַן טעות.

געווען איז אָבער איינער, יאָ, געווען אַזאַ וואָס האָט
זײַן אויסגעברענטן טאָג
אין שאָטן פון קיקיון אויסגעשפּרייט מיט ציטער,
און אַ שטים האָט ער געדאַכט פאַרנעמען פון אַ גאָט
וואָס אָנגעשטימט האָט תפילהדיק זײַן האַרץ אין יענעם וויסטן ראָג
און טרער פון חסד האָט זײַן בליק פאַרביטן.

נאָר ווי! ס׳האָט ווער אַ האַנט אין שקר־צביעות־כּפלונג
פאַרהויבן קנאַהדיק אויף זײַנע אויסגעבאָרגטע רגעס,
און ווידער האָבן זיך די שפּונטן פון פאַרצווייפלונג
געגעבן אַ צעפּראַל פון אַלע דורכגעשטרויכלטע שוין וועגן
און אַ פלייץ געטאָן מיט הפקרדיקן עלנט
צו זײַן אויג, וואָס בענקט נאָך אַלץ נאָך גרינע ברעגן
שוין נאָכן חורבן פון דעם לעצטן פון די שוועלן.

נאָר ער פאַראַנקערט זײַן זכרון האָט אין אויער,
וואָס, געגלויבט האָט ער, איז אָנגעשפּיצט פאַרנעמען זײַן געבעט,
און אויפן פעדעמל, וואָס גרענעצט אָפּ דעם דאָ פון דאָרט,
אָנגעהאַנגען האָט ער פון זײַן דורשט דער אומגעהויער
נאָך אַ האַנט, ווי פון אַ לינדן ווינטעלע אַ גלעט,
נאָך אַ מויל, וואָס פאַלן וועט פון אים אַ וואַרעם וואָרט.

גוט און ווייטאָגדיק

גוט און ווייטאָגדיק

איך קוק אויף זיי
און ס'ציט מיין מויל זיך אין אַ שמייכל.
אַ ים פון שיַין,
און קינד און קייט,
און זיי — די איינציקע אין ליבע־היכל.

צוויי פּראָפילם אין געטרויים,
איין בליק זיך קייטלט זוניק אינעם צווייטנס —
דער ערשטער פליגלפאַך פון שיר־השירים,
די ערשטע זיסע טרער:
פון ליבעווייַ די פריידן.

זיי וואַגן ניט,
ווי ס'וואָלט געבריט אַ העליש פייַער
פון אויסגעבענקטן לייַב,
און הערצער טייַען, טייַען.

און ס'איז מיר גוט אַזוי
ביים סוד פון זייַן אין דעם באַגינען,
און ס'איז מיר ווייטאָגדיק אַזוי,
אַז פון דעם ראָזן היכל
אַנטרינען זאָל די שכינה.

נאך אַלץ — יאָ!

ניט קוק מיט בליק פאַרוווּנדערטן אויף מײַן געזיכט,
פאַרשפּונענעם אין נעץ פון טיפע קאַרבן,
דאָס איז נאָך ניט קיין צייכן פונעם פּסק דעם הארבן,
אַז אויסגעזונגען האָט מײַן הארץ זײַן לעצטן שווין געדיכט
און עס פאַרנעמט מײַן בלוט די גורל־טריט פון שטאַרבן.

כ׳ווער ווייניק־וואָס נתפּעל הײַנט, דערזעענדיק אין שפּיגל
דעם שניי וואָס האָט פאַרשיט ביז גאָר מײַן קאָפּ:
איך שפּיר דעם זיכער נאָך וואָס שפּאַנט מײַן יעדער טראָט,
און מײַן געטרוים — נאָך אַלץ אין פרילינגדיקן עיגול,
אַנטקעגן נאַכט טוט אַלץ מיך נאָר פאַרוויגן.

מײַן פּנים רײַך איז מיט אַנטווישונגען פון עבר.
דאָס האָבן ז י י אויף אים פאַראַקערט זייער גאַנג.
נאָר אונטער הויט זײַנער שפּילט אַלץ נאָך דער בעל־דבר,
און גלוסטונגען נישט־אויסגעשפּילטע אַלץ נאָך כאָוועז
אין יוגנטלעכן ציטער אַ זודיקן פאַרלאַנג.

איז וווּנדער זיך ניט ווען ס׳פאַרנעפּלט מײַנע אויגן
אַ דורשטיקער באַגער אין אַזאַ שפּעטער שעה.
כ׳בין אַלץ פאַרקוקט אין מאָרגן מיט אַ טיפן גלויבן,
און ס׳שטערן ניט די יאָרן — פייגל אָפּגעפלויגן —
מײַן אייניקל צו זאָגן — יאָ!...

ערשטע טריט

באַלד האַלבע נאַכט.
צופרידן וואָס ער דאַרף ניט רויטלען זיך פאַר פרעמדע בליקן,
דאָס ערשטע מאָל ער פירט אַ מיידל אונטער־האַנט
אין שטילקייט פון פאַרטראַכטע מויערן פון כרך
באַנאַנד...

ער גייט און איז פאַרהאָרכט אין דער מתיקות
פון יום־טובדיקן ניגון,
וואָס אין אַ יאַמב אַ מונטערן אין טיפן ווערט געשטאַלטיקט,
פאַררינגלט אין די זעכצן ווערסנעס אירע,
צעבלימלטע, צעשטראַלטע,
אַרויסגעכישופטע פון שיר־השירים
בנשיקה...

און זי —
אין דין־פאַרדינטן גלי —
דערשפירט מיט גאָר איר לייב פאַרשפּיצטן
דעם זיסן ציטער, וואָס פאַרנאָדלט איר דעם רוקן,
דעם טשאַד פון בלוט אין זודיקן געפּליסטער,
ווי אויסגיין וואָלט זי נאָך די נעגל פון פאַרצוקער.

אַ סוד אַן אויסגעחלומטער פון הימלבלוי באַרעגנט,
אַ סוד פאַרטײַעטער אין אייפער אויסגעהייליקט,
נעמט שעמעוודיק, מיט האַלבן מויל, זיך אויסשיילן, אַנטפּלעקן
פון הערצער צוויי צונויפגעשפּילטע אייניק.

זשאַלעווע ניט

שענק מיר אַ טראָפּעלע רו פון דיין שבת־מנוחה,
כדי ס'זאָל ניט אויפזידן ווי דער סמבטיון מיין לייב,
ווען צביעות פאַרפרומט זיך מיט כשרער שיין פון די לוחות.

שענק מיר אַ טראָפּעלע טוי פון דיין ארך אפּיים,
ס'זאָל בלאָלעכער שלאָף מיר פאַרוויגן פון נאַכט דעם געוווי:
פון אַלע חלומות דו שטייסט ביי די לעצטע שיריים.

שענק מיר אַ טראָפּעלע בוימל פון קריגעלע ניסים
און אויסשמירן כ'וועל די פאַרזשאַווערטע רעדער פון וואָגן,
וואָס שלעפּט זיך פאַרסאָכניעט אויף פעלדער פון רשעות.

מיט דעם אש התמיד עס האָט אויף מיין עמוד געברענט די מנורה,
און ווי נאַר אַ הארץ, האָב איך באַלד עס מצרף געווען צום מנין,
היינט שענק מיר אַ טראָפּעלע זון, כ'זאָל ניט ווערן פאַרפרוירן,
כ'זאָל ניט ווערן פאַרפרוירן.

*

ניטאָ קיין עצה צו אַ האַרץ,
וואָס ס'זייַנען אָנגעשטימט מיט גלויבן זייַנע סטרונעס,
אַפילו ווען ס'איז אָפּט, צו אָפּט, גענאַרט
און ביטערניש פון סם אין וואַסער פון זייַן ברונעם.
קוים טוט אַ שמייכל וואַרעם, ווי דאָס גאָלד פון שקיעה,
אַן אויג צו אים פאַרטרוילעך —
צעפינטלען זיך מיט מוט זייַנע פאַרטרערטע וויַעס
און באַלד פאַרגעסט עס אַלע גרוילן.

אַ האַרץ אַזאַ האָסט עמעצן, מייַן גאָט, געגעבן באהבה.
איעדע רגע גרייט געווען
די גאַנצע לעבעדיקע וועלט און דומם
מיט פייַכטע ליפּן אויסצוקושן בהתלהבות,
זייַן ברכה שיקן הי און פרעמד,
און צולייגן אַ פויסט בייַם ברעכן צוימען.

אָבער צוזאַמען מיטן האַרץ האָסט ניט פאַרגעסן
אַרייַנשטעקן אַ קלין אין זייַן זכרון.
דעריבער קען ער ביז הייַנט ניט מקבל זייַן דעם דין,
וואָס פרי אַזוי פאַרעסיקט האָט אים ווער זייַן ווייַן,
און זייַנע טרוימען האָט פאַרשניטן כרת,
און ער מוז איצט זיך ראַנגלען מיט געדעכעניש ווי בלייַ...
הלמאַי האָסט עס געטאָן, גאָט, הלמאַי?

דערשטוינט

ניטאָ מיט וואָס ס'זאָל אַנדערש זײַן דער שבת
פון אַנדערע שבתים נעכטן, פאַר אַ יאָרן.
ער קוקט אַרויס פון הויף מײַנעם מיט אומעט
פון הימל פון פאַרקאָוועטן, פאַרכמאַרעט־סומנעם,
ווי לעצטן שפּראָץ פון פרייד ער וואָלט אויף אומוועגן פאַרלאָרן.

עס שטייט אַ גוּאַיאַווע שטאַר אין פולער פּראַכט צעוואַקסן,
און ציטרוסן, ווי דעמבעס, מלכותדיק צעשפּרייטע.
נאָר ס'טוט קיין בלעטעלע קיין ריר זיך ניט אין טיפן גליווער,
ווי אַלץ פון בראשית אָן נאָך אײַנגעזעצט און ווי פון
אַ גרויער שטאָל געשמידט און שטײַף ביז ווייטיק.

איך קוק אַרויס דערשטוינט מיט אָטעם אײַנגעהאַלטן,
מײַן אויג וואָס פּײַכט ווישט אָפּ אַ שווערע מידע וויִע:
צי דען אַזוי ווערט אַלץ פאַרשטיינט געהיימיק
אין לעצטן בליק פון מענטש וואָס לעשט זיך אויס אויף אייביק,
כאָטש ס'האַרץ גייט אויס נאָך זון־צעגליטער שקיעה?

איך מוז עס אַזוי נייטיק וויסן

דו סטאַרע זיך צו גיין אַליין,
מען קען, מען קען גיין אָן אַ שטעקן.
און קינות הער אויף בלעטערן אויף דײַנע יאָרן.
בײַם וועג אַ קוסטעלע געמיין
האָט אים דער הפקר מער ווי דיך געזעגן.
עס פּראַוועט ניט קיין חצות דער בוים וואָס לעם דײַן חדר,
הגם זײַן לײַב פאַרזמאָרעט
האָט ניט דער שפּריירעגן צעפּאַלמעסט און צעטרייבערט.
און לערן זיך פון אים אוים
מקבל זיין מיט גלײַכן רוקן
דעם חסד פונעם קילן טוי און
די שלאַקסן און באַשערטע וויוגעס,
און זײַן אין שפּעטן האַרבסט, ביז לעצטן בלעטל גרינעם,
פאַרדבקעט אינעם סוד פון דויער.

מען זאָגט: עס זינגט אַ האַרץ לעם שמייכלענדיקע קינדער,
אין קאַפּעקאַל אַפילו צווישן יאָ און ניין;
איז שטאָט צו קלאָגן: וויי און ווינד מיר,
איך בין דער שאָטן, וואָס פאַרלאָרן האָט זײַן גוף,
נאָר האָט פון אים זיך ניט אַנטווײַנט;
אַנשטאָט זיך בעזעמען על־חטא
אויף זינד,
וואָס דו ביסט קיין מאָל ניט באַגאַנגען —
פאַרטרוי זיך
די פליגלען וואַרעמע פון שׂמחה און פון שלאָף
און בינד דאָרט אויף

דעם שווערן פּאַק
וואָס האָט זיך אויף דײַן נאַקן אָנגעהויפט.
ס'איז ניט כדאַי קיין טרער דײַן אַלטער פנקס —
בעט אוים מיט האָפענונג אַ נײַעם.
ביסטו אַ קוואַל — וועט קומען נאָך זײַן טרינקער,
און צום באַגין וועסט מאָרגן אויפהייבן אַ כוס —
לחיים!

נאָר איין זאַך, יאָ, כ'באַשווער דיך, ניט פאַרגעס
למען־השם:
ווען אויפהערן וועסט רײַסן קברים פון זכרון
און ס'וועט דײַן שויב זיך נעמען שפּיגלען ראָז,
און פוכיק־לינד דיך אײַנטוליען עס וועט דײַן העמד —
דו זאָלסט אַנטפּלעקן מיר דעם סוד
פון נס —
ווי בליִען נעמט אויף ס'ניי אַ בוים, וואָס איז שוין חרוב?
און ווי זוכט אוים אַ הארץ אַ ליכטיקע אחיזה,
ווען ס'פּוסטעוועט זײַן היכל לאַנג שוין אָן אַ גאָט?
— —
איך מוז עס אַזוי נייטיק וויסן...

צוויי

איז זײַנען זיי ביידע געגאַנגען דעם ערשטן שפּאַציר,
איין טראָט און איין קול און איין ליד.
פיר אויגן צוזאַמענגעפלאָכטן, פאַרקניפּט און פאַרשלאָסן,
פאַרהאָרכט אין געצאַפּל — פון בלוטיקע דנאָען געשטיגן —
מיט חידוש פון רזי־דרזין,
און זשעדנע געטרונקען דאָס ברויזנדיק ווײַן פונעם מקור,
געפלאָסן איז זודיק
אַ לאַווע —
פון איין מויל פאַרשמאַכטן צום צווייטן אין בראשית־באַריר.
ביז ס'האָבן זיי פליגל־רובינען פון דר'ערד אָפּגעריסן
און אויסגעקנאַלט האָט צו די הייכן,
אַ פלאַמזײַל,
אַ פלאַקער־התפעלות —
גן־עדן זײַן נאָמען —
פאַרשטומט דעם „אַיָךְ!"
ביים גאָרן באַשאַף אָפּגעשאָכטן דעם אָטעם,
פאַרלאָשן דעם תכלת,
די זון האָט אין אַש זיך צעשאָטן.
...איז אומגעריכט צוגעפאַלן נאַכט, אָנגעהויערט,
מיט גליוועך פון היילן,
שטאָק־פינצטער,
אָן מולד.
פיר אויגן זיך האָבן אין חושך צעעפנט, דערזען און —
פאַרשעמט:
צוויי נאַקעטע לײַבער,
באַזונדערע צוויי,
פאַרפרעמדט.

מוסרניק

אַלץ צוגעשפּיצט געווען צו דער מינוט איז,
ווען זי וועט אַנקלאַפּן אין טיר.
און ער, פון נעכט-געראַנגל דורכגעפּרעסן,
וועט אַנגאַרטלען מיט מוט זײַן האַרץ
און אַלע בלומען פון זײַן בענקען איר פאַרטרויען,
אין אַלע שלאַנגען פון זײַן בענקען איר פאַרטרויען.

נאָר ווי איר זינגענדיקער גוף
האָט אויף זײַן שוועל געשטעלט אַ טראָט,
האָט זיך זײַן בליק פאַרהעקלט
אין טיפן אויסשניט פון איר קלייד,
אין אויסגעוועלבטן סוד,
וואָס תמיד האָט די הענט געליימט,
די ליפּן אויסגעשרפעט —
און ס'האָט זײַן האַרץ,
אַ פולער כוס מיט ברכה איר אַנטקעגן,
און ס'האָט אין זײַן פאַרשאָלטן האַרץ
אַ בליץ געטאָן דער חובת הלבבות
און אַלע צניעות-בייטשן האָבן אים פאַרשמיסן,
און, בײַם חלום וואָס געוואַרט האָט אויף זײַן שוועל,
בגוואַלד אַראָפּגעלאָזן אים די וויִעס...

און ניט געזען האָט ער,
ווי זי,
מיט אויסגעלאָשן לײַב און גוף,

פאַרמאַכט האָט הינטער זיך די טיר
און זיך אַוועקגעשלעפּט צו גרויער וואָר,
וואָס האָט געוואַרט אויף איר בײַם שוועל
און פון איר אויג געפאַלן איז אַ טרער...

אי יאָ, אי ניין

מיר פֿאַלט אַפֿילו נאָך ניט אײַן צו זאָגן
אַ „זײַ געזונט" דער וועלט.
כאָטש זי פֿאַרנעמט ביי מיר געציילטע ד' אַמות,
בין איך נאָך אַלץ פֿאַרהערט
אין שטילן וואָרקענען פֿון טויבן אויף מײַן דאַך,
אין שושקעניש פֿון גראָזן אויף דער ערד,
און קלאַנגען דורכזיכטיקע, בלויע,
וואָס ווינטלען זיך אַהערצו פֿון די בערג.

אַזוי איז אַלע טאָג, כסדר.
נאָר הײַנט האָט אַ פֿאַרקלעמטער טאָן, אַ ניט אַנטזיגלטער
פֿון ערגעץ אָנגעוויט דאָ.
צי זײַן זאָל ער אַ קלאַנג פֿון פֿרילינגדיקע יאָרן,
ווען האָריזאָנטן האָבן זיך געבלויט אין פֿריידן?
און אפשר גאָר אַ יתומדיקע נאָטע פֿון אַ היכל —
פֿון זײַנע לעצטע דאַווענערס אויסגעלײדיקט —
אין וועמעס חלל ס'גליווערט נאָך דער קרעכץ,
און כ'קען פֿון איר זיך נאָך ניט שיידן?

איך מאַך די אויגן צו, איך מוז דערזען,
איך וויל דורכוים באַנעמען: מאַין? —
פֿון וואַנען וועקט זיך די אומקלאָרקייט,
די קוים געאַנטע, ריטמישע פֿאַרטײַונג,
און מאָנט אַן אויפֿלייזונג פֿון מיר,
וואָס קען פֿון זיך אַליין זיך ניט באַפֿרײַען,
און בין געפֿאַנגען אין די זעונגען ניט קלאָרע,
פֿון וויגל אָן עד היום.

און תמיד רופט זיך אָפּ אַ וואָרט, אַ צווייטער
צום טאַקט, וואָס אין די בלוטן זיך צעניגונט,
און באַלד פאַרקייטלען זיי זיך אין אַ שורה,
און פערזן ווערן אויסגעוויקלט.
נאָר איצט — אַהינטער בלויען רויך פון צײַט — אי יאָ, אי ניין,
די ביידע רירן אָן מיך מיט די פליגל,
און ס'מאָנט מײַן אויסגעבענקטער שווײַגן
אומזיסט
אַ תיקון.

כ׳וואָלט צוגעפּאַלן מיט בראַנד פון מויל

כ׳האָב לאַנג אין יענעם ווינקל, וווּ דו וווינסט, שוין ניט
פאַרבלאָנדזשעט
באַפוילן כ׳האָב מײַן אויג, אַפילו אויך מײַן דמיון אָפּגעקרענקטן,
זיי זאָלן ניט פאַרשטערן דיר דײַן רו, דײַן צניעותדיקן אַנזען
מיט זייער טרער געזאַלצענער, פאַרבענקטער.

אַ שאָד איז מיר דײַן רו, וואָס האָט דײַן טיר געעפנט נאָכן הארבן
שטורעם,
דער דעמער, וואָס געוומען ריזלען האָט מיט גאָלדיק־ראָזע שטראַלן;
און איך — מיין פיין וואָס רײַף אַזוי איז, אויסגעפורעמט —
האָב מורא ס׳זאָל זײַן שאָטן אויף דײַן האַרצעדיקן ציטער אויך
ניט פאַלן.

אַז ווי קומט דער, וואָס האָט אַ דאָרן צו זײַן האַרץ געטוליעט
און רויטע קאַרשן פון זײַן גאָרטן האָט אַ פרעמדער מויל געפרעסן,
וואָס גייט און שטרויכלט, זינט כ׳געדענק, ווי גיין ער וואָלט אויף
קוליעס,
ער זאָל מיט אַ פאַרשנייטן קאָפּ און אפשר שוין פאַרשפּעטיקטע
מעת־לעתן

דערציילן פון אַ ליד וואָס יערט טאָג־איין טאָג־אויס און הערט
ניט אויף צו קוואַלן,
פון ערשטער שיכרות וואָס אין בלוט האָט זיך צעפלאַקערט,
און האָט ביז הײַנט נאָך ניט פאַרזוכט קיין אָפּבילד פון קיין שלווה,
און ווײַ איז אים וואָס אין זײַן וועלט באַשערט איז אים צו זײַן
אַ כולו זכאי.

איך שטיי פון ווייַט — ניט הערן זאָלסט ס׳געשריי פון בלוט
וואָס האַמערט,
איך שטיי פון ווייַט, ווי פאַר אַ מקום קדוש, באָרוועס —
ס׳זאָל ניט באַרירן דיך מייַן האַנט, וואָס גייט אוים נאָכן ברי
פון לייַב ווי סאַמעט,
לעם דייַנע כוואַליענדיקע רונדקייַטן פאַר מייַנע ליפּן איך פאַרליר
די ערבות...

כ׳וואָלט צוגעפאַלן מיטן בראַנד פון מויל צו קילקייטן פון דיינע
בערגלדיקע שאָטנס
און אָנגעטרונקען כ׳וואָלט מיט שפּרודלדיקן גליק מייַנע
חמסינעדיקע האָריזאָנטן,
מיט לייַטזעליקן גנאָד און רעגנדיקער טרייסט מיין בלומענלאָזן
באָדן;
נאָר... טאָמער וועסטו ניט פאַרשטיין דעם גוואַלד פון שטומען
לשון מייַנעם,
און טאָמער... ט׳זיך דייַן בליק אין אַ רחמנותדיקן שלייער
פּלוצלונג אָנטאָן
און וועסט פאַרשעמען נאָך מייַן ציטערדיקן אני מאמין...

עס זאָל ניט ווערן שפּעט...

...און איך וואָלט דיך געטראָגן אויף די שפּיצן פינגער,
צענפּאַכיק אויסגעכפּלט,
כאָטש ס׳וואָלט פאַרגיין דערבײַ די קנאַפּיקייט פון מײַנע הענט
מיט ווייטאָג אין די שלייפן.

ווײַל גאָר די בענקשאַפט גלײַיקע — מײַן רויכיקער לאַמטערן —
וואָס וויקלט מיך אַרום געטרײַער פון אַ העמד,
וועט ניט דערשפּירן פון קיין קילער רו דעם טעם —
כל־זמן דער ברי פון לײַב דײַנעם עס וועט אים ניט באַשערן.

...און צוגעפּרעסט איך וואָלט מײַן מויל צום פּיצל האַלדז דײַנעם,
וואָס קוקט אַרויסעט צניעותדיק אַהינטער לינקן אויער,
און דײַן גערוך וואָלט מיך צעהוידעט איבער אַלע זיבן ימים;
און וואָלטן תהומים זיך געשפּאָלטן מיר צופוסנס אין געלויער,
געשלײַדערט ביז אין קאַפּעקאַל,
און אַלע ש״י־עולמות אין אַ ליקוי־חמה —
פאַרבליבן וואָלטן צוגעשמאָלצן מײַנע ליפּן צו דײַן קוואַל.

דײַן בליק, וואָס איז געפאַלן אין מײַן טיפן אָסיען,
צעשפּאָלטן האָט דעם גרויען גליוועך, וואָס האָט אים פאַרקאָוועט,
אַרײַנגעבויערט זיך ווי אַ האַרפּון
אין פולן שײַער שיר־השירים,
וואָס האָט, כמעט נאָך ניט גערירט,
געוואַרט אין קלעם, ביז קומען נאָך זײַן שעה וועט;
און דו געוואָרן ביסט דער אויסגעגאַרטער פונק,
וואָס אָנגעצונדן האָט אויף ס׳נײַ מיט פאַרביקע קאָלירן
מײַן סקריפּענדיקע טיר...

איך וואָלט און וואָלט...
נאָר ווי צו מיר — איך וויים ניט וווּ מען זוכט דיך.
אין נעכט אין עלנטע איך וואַרט עס זאָל
אַ קלאַפּ טאָן שטיל אין לאָדן
דײַן שאָטן,
וואָס גייט מיר נאָך און טרעט
צוזאַמען מיטן פּחד, וואָס פון טאָג זיך מערט —
עס זאָל ניט ווערן שפּעט...

נאָך ניט אַנטוויינט

דו ווייסט אַפילו ניט —
אַרום דײַן ניט־זײַן בלאָנדזשעט אַלץ נאָך מײַן געמיט
און, אַפּט, איז עולה־רגל צו דײַן טיר
מײַן ליד.

פאַרזיגלט אַלטע טעג,
בשתיקה אָפּגעשוווּמען צו אַ פרעמדן ברעג,
אין טיר דײַן נײַער אַדרעס האָט געשטעקט...
על־חטא ?

נאָר איבערגיין דײַן שוועל —
הייסט זען פון בלויען חלום ווי עס ווערט אַ תל,
און שטומען, ווײַל עס ביטערט אין דער קעל
אַ טרער.

דו קוקסט אפשר אַרײַן
אין מײַנע שורות, אָנגעטרונקענע מיט ווײַן,
און קוועלסט — איך בין דער כרם, זוניק־פרײַ,
פון הײַנט.

אַפילו ניט קיין טרויב !
דאָס האָבן מײַנע ליפּן, אויסגעבענקט נאָך טוי,
אַרײַנגעגאָסן שיכרות אין דײַן גרוי,
באַקרוינט.

און נאָר מײַן גלוט
האָט אויסגעשרפעט גאָר דעם גליווער פון דײַן בלוט,

וואָס שמייכלט איצט אַנטקעגן גאָלד־סאַלוט
באַרוט.

ווען ניט מײַן זוכן גאָט,
באַצויבערט ווער וואָלט דיך מיט פלאַטערדיקן סוד?
ווער וואָלט געזאַלבט דײַן וואַקלדיקן טראָט
מיט גנאָד?

נאָר כאָטש איך ווייס: ביסט קליין —
מײַן האַרץ פאַלט תחנון פאַר דײַן שטראַלנדיקן חן,
און אויך מײַן פּען — פון דיר נאָך ניט אַנטוויינט —
ז׳געליימט.

לעם דיר

לעם דיר, מיטן האַנט צו דערלאַנגען,
ביסט ווײַטער פון מיר ווי די שטערן,
כאָטש ס׳הענגט אויף דײַן נאָמען מײַן ניגון,
ווי אויף מײַנע וויִעס די טרערן.

דײַן אויג ערגעץ ווײַט אין מרחקים
און מײַן בליק צו נעכטנס אַנטרונען —
געגלעקלט האָט דאָרט דײַן געלעכטער,
און דיך איך האָב זיך ניט פאַרגונען...

איצט ברענט די חרטה אין ווונדן,
אין לײַב כ׳האָב אַליין זיי פאַראָדערט:
על־חטא פאַר מײַן כורעים פאַר צניעות,
נאָר דו ביסט ניטאָ דאָ,
ניטאָ דאָ.

מיט דיין נאָמען

אַזוי... שטייט ליידיק שוין דײַן אַלטע נעסט.
פון איר האָט זיך אין כמורנער שעה געוויקלט
אַ בלויע לענטע צו מײַן האַרץ.
נאָר וועלכע, וועלכע פרעסט
דיך האָבן אויפגעצווונגען
פאַרהייבן פליגל
פאַרטונקלט־שווערלעכע, ווי אַרץ,
און זוכן יוגנט אָפּגעוואַרעמטע
בײַ דעם, וואָס האָט אפשר אַ מאָל געקלונגען,
נאָר איז שוין הײַנט אַן אָפּגעליאַרעמטער?

זיי צען מאָל מוחל מיר דעם חשד,
אַז ס׳האָט דיך, טײַערע, געפאַנגען —
ביז שיכרות פון געשטרעב — דער טשאַד
פון גאָלד,
וואָס פילט די טאַשן זײַנע אָן בשפע,
כאָטש קיין מאָל האָט ניט אײַנגעדאַרט דײַן טיש קיין מאַנגל,
און דײַן השגה איז געווען תמיד אָנגעשטימט בע־מאָל,
ווען מײַנע קוואַלן לויטערע געווען זײַנען צעעפנט
מיט זייער אוצר, אפשר ווינציקן,
נאָר באהבה גינציקן.

איך ווייס — ס׳איז שווער צו וואַרטן יאָרן
אויף קאַרגער שעה פון פרייד,
און בלײַבן באַלד אין אייגן בעט פאַריתומט.
האָסט אָבער ניט דערפילט מײַן צער וואָס גאָרנט

פון אַלע פּאָרן פון מײַן אינגעווייד,
דעם תהום און דעם פּאַרליר,
וואָס יאושט אויס מײַן אינדערוואַכן און שבתים,
ווען הינטער מיר פאַרמאַכט אויף אייביק זיך דײַן טיר.

ווי ווויל דיר איז, וואָס ביסט אַוועק,
אַוועק, און ניט אַ קוק געטאָן צוריק אויף הינטן;
וואָס האָסט געקענט צעפּלאָנטערן דעם קנויל
פון אונדזער שמאָלן שטעג,
וואָס האָט געשלענגלט זיך צעווישן האַרבסט און ווינטער.
נאָר טאָן וואָס זאָל איך מיט מײַן מויל,
וואָס הערט ניט אויף צו דאַוונען מיט דײַן נאָמען,
ווען מיט דײַן אָפּפליִען האָסטו אים, זיכער בכוונה,
אַפילו ניט אַרויסגעפּליסטערט: זײַ געזונט!

לאָז מיך זיין פאַרבלענדט

דו זאָג מיר בעסער: „קיין מאָל ניט", נאָר זאָג מיר ניט: „צו שפּעט".
עס אָטעמט לייכטער זיך, ווען ס'שרייט אַראָפּ די שולד פון
פליייצעס פרעמדע —
מיט דער אָ תפילה אָנגעגאַרטלט איך האָב אָפּט מאָל מײַנע לענדן.
כאָטש גרייט געווען כ'בין תמיד קלאַפּן זיך „על חטא".

דו זאָג מיר ניט: „צו שפּעט". מען קען דאָך אויסגיין מיט אַ מאָל,
ווען ווייסט, אַז דו אַליין ביסט שולדיק אין פאַרשלאָפן אַלע טרוימען,
וואָס ליגן הײַנט פאַרחלשטע, באַליידיקטע אביונים,
און קענסט שוין ניט אַרײַנבלאָזן קיין לעבן אין דעם מתים-טאָל.

דו זאָג מיר ניט: „צו שפּעט", אַפילו ווען עס איז אַזוי געשען,
און לאָז מיר ווארטן, גלייבן, אַז איך וועל געפינען
אַ תיקון נאָך פאַר מײַנע בענקשאַפטן די אַנאָנימע,
און לאָז מיך זײַן פאַרבלענדט,
און לאָז מיך זײַן פאַרבלענדט.

אינהאַלט:

פאַרבלייבן

ווער ווייס 7
קדושה 8
מודה אני 9
צו פיל 10
כה לחי 11
צו מיין וואַרעמען פליגל . . 13
פאַרגאַרטל פעסטער זיך . . 15
זיין 17
זאָל זיין אַ ביסעלע שטיל . 18
קריאת שמע 20
אור לגויים 21
צום סאברע 23
מיר אָנשטאָט זיי 24
איז גוט 25
בדמייך חיי 26
נישט פאַרגעס 28
המשך 29
נאָקטורן 32
נאָך ניט די צייט 34
אַזאַ זאַלסטו פאַרבלייבן . . 35
עס צאַפּלט זיך דאָס לייב . . 37
ביים כותל 38
אוודאי, טייערע 39
אַ בלויער שטראָל פאַר זיין באַגין 41
יידישער קרעכץ 42
מיט אַ שטעקן און לאַמטערן 44
מיין תפילה 46
אַ טרער 48
מאַמע־לשון 49
נס פון ירושה 51
זאָל זיין דאָס דער לעצטער ליל־
שמורים 52

מיט זיך אַליין

מיט זיך אַליין 55
לאָז מיך לייגן מיין קאָפּ . . 56
איך זוך נאָך ניט קיין רו . . 57
אַזוי צי אַזוי 58
(נאַכט) * 59
אַ חלום 60
צו קאַדיע מאַלאָדאָווסקי . . 61
איך שמועס אָפּט מיט דיר . 62
מיין וואָרט 63
פאַרכישופט מיט דיין ערנסט
און דיין שמייכל 65
אַ האַרץ 66
איך בין דיך מקנא 67
זאָל אויפשיינען אַ חסד־שעה . 68
ביים שפיגל 69
אפשר 70
אַ הינטער די קראַטן 71
למנצח 72
אַליין 74

שקיעות

שקיעות 77
פאַר וועלכע זינד 78
עס טרעפט 80
שפעטער האַרבסט 81
לייז אויס מיך 82

ניט אַליין 84
כ׳גיס אויס פאַר דיר מיין ווײ . 85
נאַקעט 86
אין שקיעה 87
סוד און ניגון 88
למאי 90
אַ טעות 92
ניכטער 94
ספקות 95
בגוואלד 97
אונדזער שבועה 100
יאָרצייט 02
קדיש יתום 103
איך קייקל זיך אין אַש . . 104
כ׳וואָלט אויסגעזוכט נאָך בלויע
שטראַלן 107

ג ע װ א ָ ק ל

געוואָקל 111
רחמים 113
קלאָר 115
דאָס זאָל מיין טרייסט זיין . 116
* (טאַטע טייערער) . . . 118
ברידער 120
על חטא 121
אַפּאַלאָ 11 123
שטימונג 127
ביי וועמען ? 130
ניט פרעג 132
מיט טרער און מיט שמייכל . 133
תשובה 135
מיין דור 137
ס׳האָט פלוצלינג אַנגעווייט . 139.
שיכור כפליים 140
ווי ווויל 141
מיך פאַרפלייצט אַ וואַרעמקייט 142
ממעמקים 143
אַזאַ באַגין 145
אַ בלאַט גמרא 146
אַ טאָג אַזאַ 148

ג ו ט א ו ן ו ו י י ט א ָ ג ד י ק

גוט און ווייטאָגדיק 151
נאָך אַלץ — יאָ 152
ערשטע טריט 153
זשאַלעווע ניט 154
* 155
דערשטוינט 156
איך מוז עס אַזוי בייטיק וויסן 157
צוויי 159
מוסרניק 160
אי יאָ, אי ניין 162
כ׳וואָלט צוגעפאַלן מיט בראַנד
פון מויל 164
עס זאָל ניט ווערן שפעט . . 166
נאָ, ניט אַנטוויינט 168
לעם דיר 170
מיט דיין נאָמען 171
לאָז מיך זיין פאַרבלענדט . . 173